# קוּנְטְרֵס

# יסודות אִין חִינוּךְ

הֶערְלִיכֶע חִיזוּק
פַּאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים
אוּן מְחַנְּכִים, צוּ קֶענֶען
מְחַנֵּךְ זַיין אוּנְזֶערֶע
קִינְדֶער עַל דֶּרֶךְ
יִשְׂרָאֵל סָבָא

שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

שִׁיעוּר ז'

שְׁנַת תשפ"ג


מצבת ציון רבינו איש האלקים
אור העולם רבי נחמן מברסלב זי"ע
בעיר אומן יצ"ו
צדיק כתמר יפרח
הבטיח שכל מי שיבוא אל ציונו הקדוש ויאמר שם את התיקון הכללי
יוציאו מהשאול תחתית ויעשה לו טובה נצחית

בעזרת השם יתברך

קונטרס

# יסודות אין חינוך

א הערליכע שיעור וואס

## דער ראש ישיבה שליט"א

האט געגעבן פאר מחנכים, זונטאג פרשת וארא,
שנת תשפ"ג לפרט קטן, אין ירושלים עיר הקודש תובב"א.
פול מיט חיזוק און עצות פאר מלמדים, מחנכים און עלטערן.

אין דעם קונטרס וועט איר מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף
געפינען א וועג צו קענען מצליח זיין מיט תלמידים, ווי אזוי
אריין צו לייגן אין זיי תורה, יראת שמים, מדות טובות, און א
ליבשאפט צום אייבערשטן און זיינע מצות.

געבויעט אויף די ווערטער פון הייליגן רבי'ן, אדונינו מורנו ורבנו
**רבי נחמן מברסלב, זכותו יגן עלינו**

און אויף די ווערטער פון זיין תלמיד, מורינו הגאון הקדוש
**רבי נתן מברסלב, זכותו יגן עלינו**

און אויף די ווערטער פון זייער תלמיד וואס האט אריינגעברענגט
זייערע הייליגע לימודים אין די גאנצע וועלט
**כבוד קדושת מרן מוהרא"ש זכותו יגן עלינו**
געפלאכטן מיט פסוקים פון תורה, נביאים, וכתובים, און מאמרים
פון די הייליגע חז"ל, פון די גמרא און מדרשים און זוהר הקדוש.

ארויסגעגעבן חודש מרחשון שנת תשפ"ד לפרט קטן
**דורך חסידי ברסלב - עיר הקודש ירושלים תובב"א**
שיעורי חינוך שיעור ז' שנת תשפ"ג

## היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# אִינְהַאלְט


הִלְכוֹת דֶרֶךְ אֶרֶץ ..... ז

דֶערְצֵיילְן סִיפּוּרֵי צַדִיקִים ..... יא

דֶער גַאנְצֶער טָאג אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם ..... יג

וֶוען אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע צַייט צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער? ..... טו

קוּמֶען צַייטְלִיךְ אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע ..... יז

גֶעבְּן פַּאר קִינְדֶער צֶעטְלֶעךְ מִיט בִּילְדֶער צוּ קָאלֶערְן ..... יח

קִינְדֶער הֶערְן צוּ יֶעדֶעס וָוארְט ..... יח

וֶוען מֶען רֶעדְט פּוֹעֵל'ט מֶען ..... יט

זִיךְ אָנְגְרֵייטְן וָואס מֶען גֵייט לֶערְנֶען ..... כ

אַרַיין זִינְגֶען אִין אַ רֶעקָארְדֶער ..... כא

קְלָארֶע פּוּנְקְטְלִיכֶע טַייטְשׁ ..... כה

אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט ..... כה

אֵיידְל אִיז רַייךְ, קְלַאסִיג אוּן שֵׁיין ..... כו

אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ רֶעדְן אֵיידְל אוּן הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁפְּרַאךְ ..... כז

דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע לֶעבְּן ..... כח

רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה ..... כט

יֶעדֶעס קִינְד מוּז בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט ..... לב

אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט ..... לד

הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף יֶעדְן קִינְד ..... לז

דָאס אִיז מַיין הוֹיז, מַיין אָפִּיס ..... לז

אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן גֶעוואוּנֶען גוֹדָלוֹת ..... לח

גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ ..... מ

אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען מִיטְ'ן מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת ..... מ

מְחַנְּכִים אוּן עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען ..... מא

אוֹיף וָואס מֶען זָאל פָּארְהַאלְטְן אַ קִינְד אוּן אוֹיף וָואס נִישְׁט ..... מד

חִינוּךְ אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּבְ'עֶר פוּן אַלֶעס ..... מד

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ ..... מה

אוֹיסְנִיצְן דִי פַּארְמִיטָאג שָׁעָה'ן ..... מו

# הַקְדָּמָה

גֶעלוֹיבְּט דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר נֶעמֶען זִיךְ דָא צוּזַאמ אַלֶע מְחַנְּכִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן וִוי אַזוֹי דִי 'מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' אִין אַמֶערִיקֶע הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט.

דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן עֶפֶענֶען 'מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' הָאט אוֹיסְגֶעזֶעְן וִוי אַ חָלוֹם. וֶוער וָואלְט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט יָארְן צוּרִיק אַז אֵיין טָאג וֶועט זַיין 'מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ'?!

**אַ וָואךְ פַאר פֶּסַח שְׁנַת תש"ע לִפְרָט קָטָן, זֶענֶען מִיר אַרַיין צוּ** מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְרֶעגְן צִי מִיר זָאלְן עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט עֶס אַוֶועק גֶעמַאכְט, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט: **"קוֹדֶם לָאמִיר זֶען עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַלֶע תַלְמִידִים".**

מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, וַוייל עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר אוֹיף מוֹהֲרָא"שְׁ'ס נָאמֶען אָן רְשׁוּת קֶען מֶען דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט. פוּן אֵיין זַייט זָאגְט אוּנְז מוֹהֲרָא"שׁ מִיר זָאלְן נָאכְנִישְׁט עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֵוייסְן מִיר וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו) אַז יֶעדֶעס מָאל מֶען קוּמְט פְרֶעגְן אַ צַדִיק אוֹיף אַ מְסִירַת נֶפֶשׁ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, קֶען מֶען נִישְׁט יֶענֶעם הֵייסְן טוּן דִי מְסִירַת נֶפֶשׁ, מֶען מוּז יֶענֶעם זָאגְן נִישְׁט צוּ טוּן, קוּמְט אוֹיס אַז מוֹהֲרָא"שׁ מוּז אוּנְז עֶנְטְפֶערְן "נֵיין", זִיךְ נִישְׁט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זָאלְן מִיר יָא עֶפֶענֶען.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אַמָאל גֶעוֶועזְן בַּיים רֶבִּי'ן, דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר רָב רֶבִּי אַהֲרֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וַוייל עֶר הָאט אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן דִי קְהִילָה וִויל עֶר זָאל בְּלַייבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט זֵיי, וָואס עֶר זָאל טוּן? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעקְרֶעכְצְט פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען, הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: **"דֶער רֶבִּי הָאט אִים דָאךְ גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען?!"** הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי

מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו): **"אִיךְ דַארְף יֶענֶעם זָאגְן וָואס יֶענֶער וִויל הֶערְן"**; וָוען עֶס קוּמְט צוּ מְסִירַת נֶפֶשׁ זַאכְן - דָארְט קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן טוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ.

עֶס אִיז גֶעוָוארְן חִלּוּקֵי דֵעוֹת צְווִישְׁן דִי חֲבֵרִים צִי מֶען מֶעג עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר אָדֶער נִישְׁט, הָאט אֵיינֶער פוּן דִי חֲבֵרִים גֶעזָאגְט זַייעֶר אַ גוּט וָוארְט, אַז מֶען 'פְרֶעגְט' וָואס צוּ טוּן, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ מֶען זָאל נִישְׁט עֶפֶענֶען, מֶען קֶען אָבֶער 'זָאגְן'; מִיר זָאלְן אַרַיין גֵיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ 'זָאגְן' אַז מִיר גֵייעֶן עֶפֶענֶען אַ מוֹסָד, וֶועט מֶען זֶען, אוֹיבּ וֶועט מוֹהֲרָא"שׁ נָאכְאַמָאל זָאגְן "נֵיין", מֵיינְט עֶס אַז מֶען טָאר טַאקֶע נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר.

זֶענֶען מִיר **חוֹל הַמּוֹעֵד פֶּסַח** אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען פִיר אִינְגֶעלַייט, מִיר הָאבְן גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: **"אִסְרוּ חַג פֶּסַח עֶפֶענֶען מִיר אַ חֵדֶר! מִיר ווִילְן ווִיסְן צִי מִיר טוּעֶן גוּט"**, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמֵייכְלֶען אוּן אוּנְז זַייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט: **"אֵיין זַאךְ דַארְפְט עֶטְץ ווִיסְן, אַז מֶען הוֹיבְּט אָן קֶען מֶען נִישְׁט צוּרִיק גֵיין!"** - אוּן דָאס אִיז מַיין שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, אַז מִיר הָאבְן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי מוֹסָד דַארְף מֶען דָאס אָנְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּחוֹת עֶס זָאל וַוייטֶער מַצְלִיחַ זַיין.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט, אַז אַלְס בָּחוּר וָוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, הָאט נָאךְ קֵיינֶער נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּן רֶבִּי'ן, זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט ווִי אַזוֹי מֶען זָאגְט אַרוֹיס דָאס וָוארְט 'בְּרֶסְלֶב', עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: **"הֶער שׁוֹין אוֹיף צוּ לֶערְנֶען דִי 'בּוֹרִיסְלוֹבְ'עֶ סְפָרִים!"** [עֶר הָאט פַארְטוּיִשְׁט דֶעם שְׁטָאט 'בְּרֶסְלֶב' מִיט 'בּוֹרִיסְלוֹב' - וָואס אִיז אַ שְׁטָאט וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין פּוֹלִין].

אוֹיךְ הָאט אוּנְז מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַז נָאךְ זַיין חֲתוּנָה הָאט אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - וָואס הָאט דֶעמָאלְט אָנְגֶעפִירְט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שְׁטִיבְּל אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג - זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט פַאר אִים ווִי שְׁוֶוער עֶס קוּמְט אִים אָן צוּ פִירְן דֶעם בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שְׁטִיבְּל, אַז עֶר הָאט נִיטְאָמָאל קַיין מִנְיָן, [נְיוּ יָארְק אִיז גְרֶעסֶער פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִין גַאנְץ נְיוּ יָארְק אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין מִנְיָן פוּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים]. הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אַז מֶען דַארְף אָנְגֵיין אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער וְכוּ'. שְׁמוּעֶסְנְדִיג אַזוֹי אוֹיפְ'ן גַאס אִיז דוּרְכְגֶעפָארְן אַ 'גֶעלֶע חֵדֶר בַּאס'[א], הָאט זִיךְ מוֹהֲרָא"שׁ

---

א] אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֵייעֶן אַסַאךְ קִינְדֶער אִין חֵדֶר צוּפִיס, אָבֶער אִין אַמֶערִיקֶע אִיז דֶער סֵדֶר אִיבֶּעראָל אַז מֶען נֶעמְט אָפּ דִי קִינְדֶער מִיט אַ בַּאס צוּם חֵדֶר.

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אִין אַזַא 'קַטְנוּת הַמּוֹחִין', אֲפִילוּ וָוען דֶער מוֹסָד אִיז אוֹיף דֶעם זֶעלְבְּן

**אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים: ״נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן אַרוּם פָּארְן בָּאסֶעס מִיטְ׳ן אוֹיפְשְׁרִיפְט: ׳תַּלְמוּד תּוֹרָה בְּרֶסְלֶב׳״, הָאט יֶענֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לַאכְן אוּן גֶעזָאגְט פַּאר מוֹהֲרָא״ש: ״אִיר חָלוֹמְ׳ט בְּהָקִי״ץ; עֶס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אַזַא זַאךְ!״ - הָאט מוֹהֲרָא״ש גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ אוּנְז אוּן גֶעזָאגְט: ״בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער חָלוֹם אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן...״**

**מוֹהֲרָא״ש הָאט דֶעמָאלְט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל אַרִיבֶּער פָּארְן מִיטְ׳ן בָּאס בַּיי זַיין הוֹיז, עֶר הָאט גֶעוָואלְט וַוייזְן פַּאר דִי רֶעבִּיצִין דִי שֵׁיינֶע מוֹסְדוֹת וָואס מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט וואוּ מִיר זֶענֶען מְחַנֵךְ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.**

**מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶפְנְט דֶעם חֵדֶר ׳אִסְרוּ חַג פֶּסַח׳, אוּן מִיר הָאבְּן גֶעקוֹיפְט אַ גְרוֹיסֶע גֶעלֶע בָּאס. דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע מַחֲלֹקֶת אוֹיף דִי חֵדֶר אַז בַּיינַאכְט הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט פַּארְקִירְן דֶעם בָּאס אִינְמִיטְן שְׁטָאט, מֶען הָאט עֶס נָאר גֶעקֶענְט פַּארְקִירְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן גֶעגְנְט, צְוִוישְׁן גוֹיִם, אוּן אַז מֶען הָאט אֵיין טָאג פַּארְגֶעסְן עֶס אַרוֹיסְצוּטְרָאגְן בַּיינַאכְט פוּן שְׁטָאט וַוייל דֶער דְרֵייוֶוער הָאט זִיךְ גֶעיָאגְט, הָאט מֶען עֶס גֶעטְרָאפְן**

---

גַאס, בַּיים אַנְדֶערְן ווינְקְל, ווִיל מֶען אוֹיךְ אַז דֶער בָּאס זָאל קוּמֶען אָפְּנֶעמֶען דֶעם קִינְד צוּם חֵדֶר...

פַּאר פִּיל מֶענְטְשְׁן אִיז ווִיכְטִיגֶער אַז דִי בָּאס זָאל קוּמֶען אִין צַייט, אוּן זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן בַּיי יֶעדֶע הוֹיז, כְּדֵי דִי מַאמֶע זָאל נִישְׁט דַארְפְן גֵיין קַיין טְרִיט, אוּן אֵיינֶער זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם קִינְד: ״אַ גוּט מָארְגְן״, ווִי דָאס אַז דֶער מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין זָאל זַיין גוּט.

אִיךְ גֶעבּ נִישְׁט דֶעם סֶערְווִיס אַזוֹי בִּשְׁלֵמוּת, אִיךְ זָאג פַּאר דִי דְרֵייוֶוערְס אוֹיבּ עֶס קוּמְט אוֹיס גְרִינְגֶער מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיין פָּארְן אִינֶעם גַאס, זָאלְן דִי קִינְדֶער קוּמֶען בַּיים עֶק גַאס. מֶען וֶוערְט נִישְׁט קַיין גוּטֶע מוֹסָד אַז דֶער בָּאס שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ בַּיי יֶעדֶע הוֹיז וְכוּ׳, עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן אַז מֶען הֵייסְט זֵיי קוּמֶען צוּם עֶק גַאס, קֶענֶען זוּכְן אַ מוֹסָד וָואס מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ בַּיים יֶעדֶע הוֹיז...

אִין אַמֶערִיקֶע אִיז דָא אַן אוֹיסְדְרוּק: ״דָאס אִיז נִישְׁט מַיין סְפֶּעשֶׁעלְטִי״, דָאס מֵיינְט, יֶעדֶע גֶעשֶׁעפְט הָאט סְפֶּעצִיעֶלֶע גֶעווִיסֶע מַעֲלוֹת וָואס אַנְדֶערֶע הָאבְּן נִישְׁט, אַזוֹי צִיעֶן זֵיי אַיינְקוֹיפֶערְס, אָבֶער נִישְׁט יֶעדֶע גֶעשֶׁעפְט הָאט דִי זֶעלְבֶּע מַעֲלוֹת, אֵיינֶער הָאט דֶעם סְפֶּעצִיעֶלְקֵייט אוּן אַ צְוֵוייטֶער הָאט אַן אַנְדֶערֶע סְפֶּעצִיעֶלְקֵייט, מַיין סְפֶּעשְׁלְטִי (סְפֶּעצִיעֶלְקֵייט) אִיז אַז מִיר הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה; אִיךְ גֶעבּ אַ ׳מְלַמֵד׳ אוּן אַ ׳לֶערֶערִין׳ מִיט הַארְץ, וָואס גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַּאר דִי קִינְדֶער, מֶען פַּארְשֶׁעמְט נִישְׁט אוּן מֶען פְּרַאסְקֶעט נִישְׁט וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט קִינְדֶער אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת זֶענֶען מָלֵא שִׂמְחָה, וַוייל זֵיי וֵוייסְן זֵייעֶר גוּט וָואס מֶען בַּאקוּמְט דָא, מֶען רוּפְט נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן יֶעדֶע רֶגַע זָאגְן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען פְּרָאבְּלֶאמַאטִיש אוּן זֵיי דַארְפְן גֵיין אוֹיף הִילְף צוּ טֶערֶעפִּי; נָאר דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ וָואס הָאבְּן יֶעצְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשִׁיקְט אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת, וֶוערְן בְּרוֹגֶז אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט דֶעם סֶערְווִיס אַזוֹי ווִי אַנְדֶערֶע.

אִינְדֶערְפְּרִי אִינְגַאנְצְן אָנְגֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער אוּן אוֹיסְגֶעשָׁאסְן דִי פֶּענְסְטֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם דְרֵייוֶוער עֶר זָאל פָּארְן קַיין בָּארָא פַּארְק אוּן דוּרְכְפָּארְן מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס הוֹיז בִּשְׁעַת מוֹהֲרָא״שׁ אִיז אוֹיפְ׳ן פָּארְטְש (בַּאלְקָאן), דֶער דְרֵייוֶוער אִיז אַהִין גֶעפָּארְן, וֶוען מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעזֶען דֶעם בָּאס הָאט עֶר זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶה גֶעוֶוען, עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעשְׁמֵייכְלְט, זֶעעֶנְדִיג אַז דֶער ׳חָלוֹם׳ אִיז טַאקֶע מְקוּיָם גֶעוָוארְן.

בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז דֶער ׳חָלוֹם׳ גֵייט ווַייטֶער אוּן ווַייטֶער... מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵׁם גֶעעֶפְנְט אַ חֶדֶר אוּן בֵּית פֵּיגָא אִין יְרוּשָׁלַיִם, אַ חֶדֶר אִין טְבֶרְיָה, אוּן וֶוען נָאךְ מִשְׁפָּחוֹת וֶועלְן זִיךְ אַרוֹיס צִיעֶן קַיין טְבֶרְיָה וֶועט מֶען מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף עֶפֶענֶען אוֹיךְ אַ ׳בֵּית פֵּיגָא׳ אִין טְבֶרְיָה.

וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא״שׁ הָאבְּן מִיר גֶעווּאוּסְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַ זַאךְ וָואס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער פַּאר דִי קִינְדֶער, דָאס אִיז אַ סוֹד פַּאר אוּנְז אַלֵיין, מֶען קוּמְט נֶעמֶען חִיזוּק פוּן מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְנָאךְ גֶעבְּט מֶען אַכְטוּנְג דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דֶערְוִויסְן דֶערְפוּן, כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעמִישְׁט, אָבֶער בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז מִיר קֶענֶען גֶעבְּן פַּאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער דָאס וָואס אִיז גוּט פַּאר אוּנְז, דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ אוֹיפְוַואקְסְן מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן, אוֹיפְוַואקְסְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אוֹיפְוַואקְסְן מִיט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, דָאס זָאל זַיין זֵייעֶר לֶעבְּן, פַּאר מִיר אִיז עֶס גָאר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן מִיר פָארְהַאלְטְן: ׳וָואס אִיז מִיט דִיר? דוּ לֵייגְסְט אַרַיין דַיינֶע קִינְדֶער בַּיי דִיר אִין יְשִׁיבָה? זֵיי קֶענֶען דָאךְ וַואקְסְן הֶעכֶער פוּן דֶעם?!׳... - גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ גֶעבּ פַּאר מַיינֶע קִינְדֶער דָאס בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע! וָואס אִיךְ פַארְגִין פַאר מִיר, פַארְגִין אִיךְ פַאר זֵיי.

מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועט נָאךְ וֶוערְן שֵׁיינֶע זַאכְן מִיט דִי מוֹסְדוֹת.

# יְסוֹדוֹת אִין חִינוּךְ

## שִׁיעוּר

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז יֶעצְט הָאבּ אִיךְ דֶעם גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ רֶעדְן סְפֶּעצִיעֶל צוּ דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. גֶעוֶוענְלִיךְ רֶעד אִיךְ צוּ דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן אַמֶעריקֶע אוּן דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס הֶערְן אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף 'קוֹל בְּרֶסְלֶב', מֶען קֶען דָארְט הֶערְן אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק אוֹיף חִינוּךְ. יֶעצְט אַז אִיךְ רֶעד דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶועלְן דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס פוּן אַמֶעריקֶע עֶס דַארְפְן אוֹיסְהֶערְן אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב...

## הִלְכוֹת דֶרֶךְ אֶרֶץ

לָאמִיר אָנְהֵייבְּן מִיט "**הִלְכוֹת דֶרֶךְ אֶרֶץ**".

מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קְלוּגֶער פוּן דִי תּוֹרָה; דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, א): "**דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה**", מֶען קֶען נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דִי תּוֹרָה

און מֶען קֶען נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, נָאר אוֹיב עֶס אִיז דָא דֶרֶךְ אֶרֶץ; 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ הַיינְט בַּאזוּכְט אִין דִי מוֹסְדוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַּאר דִי קִינְדֶער: אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן דְרֵיי זַאכְן, גָארְנִישְׁט מֶער, אוּן דָאס זָאלְט אִיר אַיינְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ: וֶוען דִי לֶערֶערִין קוּמְט אַרַיין זָאל מֶען זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן, דִי צְווֵייטֶע זַאךְ: וֶוען דִי לֶערֶערִין רֶעדְט - רֶעדְט מֶען נִישְׁט; דִי דְרִיטֶע זַאךְ: וֶוען דִי לֶערֶערִין עֶנְדִיגְט גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר זָאל מֶען זָאגְן: "יְיַשֵּׁר כֹּחַ". אַז מֶען טוּט דִי דְרֵיי זַאכְן הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶעס, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז עֶס זָאל זַיין 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אִין כִּתָּה!

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס אַ מְנַהֵל דַארְף טוּן, אִיז עֶר זָאל רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דִי זַאכְן וָואס אִיז שְׁוֶוער פַּאר'ן מְלַמֵּד צוּ רֶעדְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, נִישְׁט יֶעדֶער מְלַמֵּד קֶען זָאגְן פַּאר דִי קִינְדֶער: **"וֶוען אִיךְ קוּם אַרַיין אִין כִּתָּה דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן!"** - דַארְף דָאס דֶער מְנַהֵל פַּארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער, אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען זֵייעֶר רֶבִּי קוּמְט אַרַיין זָאלְן זֵיי זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן.

אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ פַּארְלַאנְגֶען. דֶער מְנַהֵל קֶען הֶעלְפְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם אָבֶּער דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין

דאַרְפְן אוֹיךְ רֶעדְן פוּן דֶעם. מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן"**, **"וֶוען אַ לֶערֶערִין רֶעדְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן"**, אוּן אַז דָאס קִינְד פָאלְגְט נִישְׁט, זָאגְט מֶען עֶס נָאכְאַמָאל אִיבֶּער, מֶען זָאגְט עֶס אִיבֶּער מֶער עֶרְנְסְטֶער אוּן מֶער צוּרִיק גֶעצוֹיגְן.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד בִּין אִיךְ אַרַיין גֶעקוּמֶען אָנְהֵייבּ יָאר אִין כִּתָּה אוּן בַּאמֶערְקְט אַז קֵיינֶער שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, מִן הַסְתָּם הָאבְּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע מְלַמְדִים נִישְׁט גֶעהַאט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער מִיט דִי הֲלָכָה אַז וֶוען אַ רֶבִּי קוּמְט אַרַיין דאַרְף מֶען זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶע'יִשּׁוּבְ'ט צִי אִיךְ זָאל זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"עֶנְק דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר מִיר"** - עֶס פַּאסְט דָאךְ נִישְׁט אַז אִיךְ זָאל פַארְלַאנְגֶען מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר מִיר... דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן: 'אֵיין מִינוּט, פַארְוָואס ווִיל אִיךְ זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן, - הָאט דָאס דָאךְ גָארְנִישְׁט מִיט מִיר!, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"וֶוען דֶער רֶבִּי קוּמְט אַרַיין אִין חֵדֶר מוּז זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיפְשְׁטֶעלְן!"** אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט: **"הֶערְט מִיר גוּט אוֹיס, אִיךְ הָאבּ גֶענוּג כָּבוֹד פַאר מִיר, אִיךְ קֶען זִיךְ אֲפִילוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר עֶנְק... אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט 'וֶוען אַ רֶבִּי קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן'!"**

אַזוֹי זֶעהֶען אוֹיךְ דָא עֶלְטֶערְן וָואס קֶענֶען נִישְׁט זָאגְן אִינְדֶערְהֵיים פַאר זֵייעֶרע קִינְדֶער: **"מֶען דַארְף הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר אַ טַאטֶע!"** אִיר וֵוייסְט וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער?! - עֶס זֶעהֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס דֶער טַאטֶע זִיצְט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ אוּן קֶען זִיךְ נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל, יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הֵייבְּט אָן רֶעדְן שְׁרֵייעֶן אַרַיין אַלֶע קִינְדֶער! אוּן דֶער טַאטֶע וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ זָאגְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: **"וֶוען אַ טַאטֶע רֶעדְט דַארְף מֶען זַיין שְׁטִיל!"** עֶר הָאט מוֹרָא דָאס צוּ זָאגְן.

בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ אִיז דָאס מַיין שֶׁענְסְטֶע זַאךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזָאגְט פַאר מַיינֶע קִינְדֶער אַפָּאר הוּנְדֶערְט מָאל: **"וֶוען אַ טַאטֶע רֶעדְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן!"** פוּן וֶוען מַיין עֶלְטְסְטֶער זוּן אִיז גֶעוֶוען קְלֵיין בִּיז הַיינְט, אִיךְ לֶערְן דָאס אוֹיס פַאר מַיינֶע קִינְדֶער.

מֶען זָאגְט נִישְׁט: **"וֶוען 'אִיךְ' רֶעד טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן!"** ווַייל עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר, עֶס הָאט מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט: **"וֶוען אַ 'טַאטֶע' רֶעדְט טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן!"**

אַזוֹי אִיז בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט אוֹיס אַ קִינְד אִין הִלְכוֹת 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', נִיצְט מֶען דֶעם אוֹיסְדְרוּק: **"מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ טַאטֶע!" "מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ מַאמֶע!" "מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ רֶבִּי!" "מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַן עֶלְטֶערֶער מֶענְטְשׁ!"** עֶס מֵיינְט בִּכְלַל נִישְׁט 'מַיין'

כָּבוֹד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֶען דַארְף הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר עֶלְטֶערְן, מְחַנְּכִים און עֶלְטֶערֶע.

מֶען דַארְף וויסְן, דֶער מְלַמֵד אִיז נִישְׁט קַיין 'חַבֵר' צוּ דִי קִינְדֶער, דֶער מְלַמֵד קֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער אוֹיף אַ שְׁטִיק צַייט, עֶר קֶען זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, עֶר קֶען אֲפִילוּ מַאכְן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן, עֶר קֶען מַאכְן אַ קוּזִיקְל (אַזוֹי וִוי מֶען טוּט בַּיי חֲתוּנוֹת) און אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶּער אִיךְ בִּין נִישְׁט דַיין חַבֵר, אִיךְ בִּין דַיין מְלַמֵד, דִי פִּינְף מִינוּט מַאךְ אִיךְ זַייעֶר לֶעבֶּעדִיג, אִיךְ טוּ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן, עֶס ווֶערְט מַמָש אַ שִׂמְחָה אִין כִּתָּה, נָאכְדֶעם זָאג אִיךְ: **"יֶעצְט דַארְפְן זִיךְ אַלֶע קִינְדֶער שֵׁיין אַרָאפְּזֶעצְן אוֹיפְ'ן פְּלַאץ"**. ווען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן אַז אָט אִיז דֶער רֶבִּי פְרֵיילִיךְ און אָט פַארְלַאנְגְט דֶער רֶבִּי דֶרֶךְ אֶרֶץ, זֶענֶען זֵיי מְכַבֵּד און הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַארְ'ן מְלַמֵד.

## דֶערְצֵיילְן סִיפּוּרֵי צַדִיקִים

עֶס אִיז מוֹרָא'דִיג וויכְטִיג אַז אַ מְלַמֵד און לֶערֶערִין זָאל זִיךְ אָנְגְרֵייטְן צוּ דֶערְצֵיילְן 'סִיפּוּרֵי צַדִיקִים'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): **"דַע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד"**, דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, **"כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל**

**לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד"**, וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶוען מֶען זֶעט צוּ וָואס דֶער צַדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן מֶען וִויל אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיינְס הָאט דֶערְצֵיילְט וְוִי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים.

עֶס אִיז הַיינְט דָא אַזוֹיפִיל סְפָרִים מִיט דֶערְצֵיילוּנְגֶען פוּן צַדִּיקִים, לֵיינְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים, אוּן דֶערְצֵיילְט דָאס אִיבֶּער אִין חֵדֶר.

אִין דִי מַעֲשִׂיּוֹת לֵייגְט מֶען שׁוֹין אַלֶעס אַרַיין, מֶען דְרֵיידְט שׁוֹין אַרַיין אִין דִי מַעֲשִׂיּוֹת 'תְּפִלָּה', 'הִתְבּוֹדְדוּת', 'יִרְאַת שָׁמַיִם' אוּן 'קְדוּשָׁה'. מֶען דַארְף נִישְׁט מַאכְן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע צַייט וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, קְדוּשָׁה וְכוּ', דָאס דְרֵיידְט מֶען אַרַיין מִיט חָכְמָה בִּשְׁעַתְ'ן דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים.

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר מְלַמְדִים און לֶערֶערִינְס, דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעזָאגְט גֶעווָארְן פַאר עֶלְטֶערְן פוּן קִינְדֶער, אַ טַאטֶע דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ אַ 'מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק'.

אִיךְ טְרַאכְט שׁוֹין יֶעדְן דָאנֶערְשְׁטָאג און פְרַייטָאג וועלְכֶע מַעֲשֶׂה אִיךְ וֶועל דֶערְצֵיילְן דִי וָואךְ בַּיים שַׁבָּת טִישׁ, אִיךְ חַזֶר זִיךְ אַיין דִי מַעֲשֶׂה אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל אַז אִיךְ זָאל דָאס נִישְׁט פַארְגֶעסְן, און בִּשְׁעַת דִי סְעוּדָה וֶוען מֶען הַאלְט אִינְמִיטְן שְׁמוּעֶסְן פוּן דָאס און יֶענְץ דֶערְצֵייל אִיךְ דִי מַעֲשֶׂה. אַמָאל בַּיי דִי פִישׁ, אַמָאל בַּיי דִי זוּפּ און אַמָאל בַּיי דִי פְלֵיישׁ, יֶעדֶע וָואךְ אַנְדֶערְשׁ, אָבֶער דִי מַעֲשֶׂה אִיז מִיר נִישְׁט יֶעצְט בֵּייגֶעפַאלְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָאס נִישְׁט 'פּוּנְקְט' יֶעצְט דֶערְמַאנְט, נָאר בַּיי דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה יָאגְט מִיר אִין קָאפּ אַז דִי מַעֲשֶׂה דַארְף אִיךְ דֶערְצֵיילְן.

עֶס אִיז גֶענוּג צוּ דֶערְצֵיילְן אַ קְלֵיינֶע מַעֲשֶׂה'לֶע, אָבֶער מֶען מוּז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס פְּלַאמְט אוֹיף דָאס הַארְץ פוּן קִינְדֶער.

## דֶער גַאנְצֶער טָאג אִיז אַיין שְׁטִיק אֱמוּנָה און יִרְאַת שָׁמַיִם

אֵיינֶער הָאט מִיר אַמָאל גֶעפְרֶעגְט: **"וויפִיל צַייט פוּנֶעם טָאג דַארְף מֶען אַוֶועק גֶעבְן צוּ רֶעדְן צוּ דִי**

**קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה? אוּן וֶוען אִיז גֶעאֵייגְנְט דִי צַייט פַאר דֶעם?"** הָאבּ אִיךְ אִים צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט: **"וֶוען אִיז דִי צַייט צוּ אָטֶעמֶען?..."** - עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט וָואס מֶען רֶעדְט יָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַ צַייט וָואס מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חַס וְשָׁלוֹם, דֶער גַאנְצֶער טָאג אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין 'אֲשֶׁר בַּנַחַל', עֶס זֶענֶען דָא לוֹמְדִים וָואס בִּשְׁעַת'ן לֶערְנֶען גְמָרָא קֶענֶען זֵיי זִיךְ צֶעשְׁרֵייעֶן: **"יֶעצְט לֶערְנְט מֶען, לֵייג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי זַייט!"** אָדֶער: **"הֶער אוֹיף צוּ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיי מִיר מַסְבִּיר דֶעם תּוֹסְפוֹת!"** - חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי צוּ רֶעדְן! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי עֲקִיבָא אֵייגֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דֶער הֵיילִיגֶע חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְן זִיךְ אוֹיסְדְרוּקְן בִּשְׁעַת זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דִי שְׁוֶוערֶע סֻגְיוֹת אִין מַסֶכֶת בָּבָא קַמָא: **"'אַבַּיֵי' זָאגְט אַז דֶער 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער' ווִיל מֶען זָאל אַזוֹי טוּן, אוּן 'רָבָא' זָאגְט אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט פוּן אַ פָּסוּק אַז דֶער 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער' ווִיל מֶען זָאל אַנְדֶערְשׁ טוּן".**

וָואס אִיז חוּמָשׁ? וָואס אִיז גְמָרָא? וָואס אִיז רַשִׁ"י? וָואס אִיז תּוֹסְפוֹת? אַלֶעס אִיז אֵיין זַאךְ, מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה צוּ גֶעוואוֹיר וֶוערְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, דִי גַאנְצֶע טָאג דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם אֱמוּנָה.

## וֶוען אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע צַייט צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער?

דֶער עִיקָר צַייט צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אִיז אִין דִי עֶרְשְׁטֶע שָׁעוֹת פוּן טָאג, דֶעמָאלְט אִיז דִי קָאפּ נָאךְ קְלָאר, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דִי וִויכְטִיגֶע זַאכְן, בַּיי אִינְגְלֶעךְ אִיז עֶס גְמָרָא, חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנַיוֹת, אוּן אִין שׁוּלֶע אִיז עֶס אַלֶף בֵּית, נְקוּדוֹת אוּן הַלָכָה; צוּפְרִי זִיצְן נָאךְ דִי קִינְדֶער אַיין רוּאִיג.

בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע מַאכְט מֶען דֶעם לַאנְגֶען 'הַפְסָקָה' אֵיינְס אַזֵייגֶער. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי קוּרְצֶע הַפְסָקָה, פוּן צֶען מִינוּט, וָואס מֶען גֶעבְּט כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵא אוּן עֶסְן עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיקֵייט, דָאס גֶעבְּט מֶען בֶּעפָאר אֵיינְס אַזֵייגֶער, אָבֶּער דִי לַאנְגֶע הַפְסָקָה ווִי דִי קִינְדֶער לוֹיפְן אַרוּם, טַאנְצְן, קְרִיכְן אוּן גֶעבְּן זִיךְ אוֹיס, דָאס מַאכְט מֶען אֵיינְס אַזֵייגֶער, פַאר אֵיין שָׁעָה.

וֶוען עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי הַפְסָקָה, אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן; דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, דֶעמָאלְט לֶערְנְט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער גְרִינְגֶערֶע זַאכְן, ווִי 'טַעֲמֵי הַמִקְרָא' וְכַדוֹמֶה, מֶען זוּכְט וָואס מֶען קֶען דֶעמָאלְט טוּן מִיט דִי קִינְדֶער.

אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֵייט מֶען אַהֵיים פוּן שׁוּלֶע אֵיינְס אַזֵייגֶער, לִכְאוֹרָה וָואלְטְן שׁוֹין דִי אִינְגְלֶעךְ

אוֹיךְ גֶעקֶענְט דֶעמָאלְט אַהֵיימְגֵיין, נָאר מֶען מוּז זַיי בֶּעבִּיסִיטְן, מֶען מוּז זֵיי הַאלְטְן פַאר נָאךְ אַפָּאר שָׁעָה.

אִין אַמֶערִיקֶע אִיז דֶער סֵדֶר אַז ווי לֶענְגֶער מֶען הַאלְט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר אִיז עֶס אַ בֶּעסֶערֶע מוֹסָד, וַוייל עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן דִי עֶלְטֶערְן קֶענֶען נָאךְ מַאכְן אִין דִי צַייט נָאךְ גֶעלְט, הַיינְט אִיז שׁוֹין דִי צַייט וָואס מֶען שִׁיקְט אַהֵיים דִי קִינְדֶער פִּינְף אַזֵייגֶער.

דֶער דְרֵייוֶוער פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג פַּארְקִירְט דֶעם בָּאס נֶעבְּן דִי יְשִׁיבָה, זָאגְט עֶר מִיר, אַז עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס וואוֹינֶען מַמָּשׁ נֶעבְּן דִי יְשִׁיבָה אוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וָואלְטְן גֶעקֶענְט אַהֵיימְגֵיין גְלַייךְ נָאךְ חֵדֶר צוּפִּיס, אוּן זַיין אִינְדֶערְהֵיים בִּיז אַפָּאר מִינוּט, דָאךְ בֶּעטְן זִיךְ דִי עֶלְטֶערְן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְ'ן בָּאס צוּזַאמֶען מִיט יֶעדְן, זֵיי זָאלְן אַרוּמְפָארְן אַרוּם דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אוּן אַ שָׁעָה אַרוּם וֶוען דִי בָּאס קוּמְט צוּרִיק צוּ דִי יְשִׁיבָה נָאכְ'ן אַרָאפְּלֵייגְן אַלֶע קִינְדֶער, זָאלְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אַהֵיימְגֵיין צוּפִּיס צוּ זֵייעֶר הוֹיז...

צוּמָאל קֶען מֶען אוֹיךְ הֶערְן ווִי מַאמֶע'ס רוּפְן אַרַיין בֶּעטְן אַז זֵייעֶר קִינְד זָאל נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין פוּנֶעם בָּאס בַּיי זֵייעֶר הוֹיז, וַוייל זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, נָאר מֶען זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען זֵייעֶרֶע

קִינְדֶער צוּם יְשִׁיבָה אוּן זֵיי וֶועלְן דָארְט אָפְּנֶעמֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער...

אֵיי דִי קִינְדֶער וֶוערְן דָאךְ מְשׁוּגָע פוּן אַרוּמְפָּארְן אַ שָׁעָה צַייט אוּמְזִיסְט?! - דָאס זֶענֶען עֶלְטֶערְן; עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען הַאלְטְן זֵייעֶר קִינְד נָאךְ אַ שָׁעָה כְּדֵי דִי מַאמֶע זָאל קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן נָאךְ אַ שָׁעָה מִיט אַ חַבֶרְ'טֶע, אָדֶער גֵיין אַיינְקוֹיפְן נָאךְ אַ שָׁעָה, לְמַעֲשֶׂה גֵייט מֶען אֲפִילוּ נִישְׁט אַיינְקוֹיפְן, מֶען גֵייט אַרוּם בְּלוֹיז קוּקְן, זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן אוּן מֶען קוּמְט צוּרִיק אַהֵיים מִיט גָארְנִישְׁט...

## קוּמֶען צַייטְלִיךְ אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע

עַל כָּל פָּנִים, אַזוֹי וִוי דֶער אָנְהֵייבּ טָאג אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג, דַארְף אַ מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין זֶען אָנְצוּקוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע זֵייעֶר צַייטְלִיךְ, וַוייל וִוי אַ מִינוּט פְּרִיעֶר זֶענֶען דִי קִינְדֶער מֶער רוּאִיג, אוּן יֶעדֶע מִינוּט שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען שׁוֹין דִי קִינְדֶער מֶער אָפְּגֶעמַאטֶערְט, אַלְץ שְׁפֶּעטֶער וֶוערְט שׁוֹין שְׁוֶוערֶער אוֹיסְצוּלֶערְנֶען וָואס מֶען דַארְף.

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס צוּ קוּמֶען צַייטְלִיךְ. מֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען נָאךְ דִי קִינְדֶער, עֶס אִיז טַאקֶע אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, אָבֶּער אִיךְ זָאג אַייךְ: **"אִין דֶעם לִיגְט דִי הַצְלָחָה"!**

## גֶעבְּן פַּאר קִינְדֶער צֶעטְלֶעךְ מִיט בִּילְדֶער צוּ קָאלֶערְן

עֶס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ צוּ גֶעבְּן פַּאר יוּנְגֶע קִינְדֶער צֶעטְלֶעךְ מִיט בִּילְדֶער צוּ קָאלֶערְן (אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל רוּפְט מֶען עֶס 'מַאלֶעוֶועןְ'), סְתַּם אַ וָואךְ זָאל עֶס זַיין בִּילְדֶער וָואס הָאט אַ שַׁייְכוּת מִיט דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן בֶּעפָאר אַ יוֹם טוֹב - בִּילְדֶער וָואס הָאט שַׁייְכוּת מִיטְ'ן יוֹם טוֹב.

## קִינְדֶער הֶערְן צוּ יֶעדְעס וָוארְט

בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער קָאלֶערְן אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ רֶעדְן צוּ זֵיי, מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי דֶעמָאלְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק אָדֶער דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי סֶדְרָה; עֶס קוּקְט טַאקֶע אוֹיס ווִי דִי קִינְדֶער זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן קָאלֶערְן, זֵיי הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס מֶען רֶעדְט, אָבֶער עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיס פוּנְקְט פַארְקֶערְט, וֶוען מֶען הֵייסְט יוּנְגֶע קִינְדֶער: **"הֶער אוֹיס! זִיץ גְרָאד! רִיק זִיךְ נִישְׁט!"** קֶען זַיין אַז נִישְׁט יֶעדֶעס קִינְד הֶערְט זִיךְ צוּ, וַוייל זַיין גַאנְצֶע מֹחַ טְרַאכְט בָּאר 'צִי אִיךְ זִיץ גֶענוּג גְרָאד?...' עֶר קֶען נִישְׁט יֶעצְט צוּלֵייגְן קָאפּ צוּ דָאס וָואס מֶען רֶעדְט, אָבֶער בִּשְׁעַת זֵיי שְׁרַייבְּן אִיז דִי מֹחַ אָפְן, זֵיי הֶערְן זִיךְ צוּ צוּ יֶעדְעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט.

דָאס קֶען מֶען זִיךְ אַלֵיינְס אִיבֶּערְצֵייגְן אִינְדֶערְהֵיים, וֶוען קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט זֵייעֶרע שְׁפִּילְצֵייג, קֶען מֶען הֶערְן ווִי אִינְמִיטְן שְׁפִּילְן רֶעדְט עֶר צוּ זִיךְ אַלֵיינְס, עֶר דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אִין חֵדֶר מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אוּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר צֶעשְׁרֵייט זִיךְ אוּן מַאכְט נָאךְ גֶענוֹי ווִי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט אַלֶע פַּארְבְּן... זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ דָאס קִינְד הָאט בִּשְׁעַתְ'ן הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה גֶעטוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן, אִיז עֶס נָאכְאַלְץ אַרַיין אִין זַיינֶע אוֹיעֶרְן.

דֶערְפַאר אִיז גוּט אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם גֶעלֶעגְנְהֵייט מִיט חָכְמָה, אוּן אָנְפִּילְן דִי קִינְדֶער מִיט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אוּן שֵׁיינֶע זַאכְן בִּשְׁעַת זֵיי קָאלֶערְן.

## וֶוען מֶען רֶעדְט פוֹעֶלְ'ט מֶען

חִינוּךְ אִיז: רֶעדְן צוּ קִינְדֶער! מֶען זָאגְט עֶס אֵיינְמָאל, מֶען זָאגְט עֶס נָאכְאַמָאל אוּן מֶען זָאגְט עֶס נָאכְאַמָאל; שְׁרֵייעֶן אוֹיף קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, גֶעבְּן אַ קְלַאפּ אִין רִיקְן: **"נוּ זֶעץ זִיךְ שׁוֹין אַרָאפּ!"** - הֶעלְפְט נִישְׁט.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין 'אֲשֶׁר בְּנַחַל', שְׁלָאגְן קִינְדֶער אוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף קִינְדֶער, קֶען זַיין עֶס הֶעלְפְט אוֹיף יֶענֶעם סֵדֶר, אָבֶּער אַז מֶען ווִיל עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִינֶעם קִינְד, עֶס זָאל אוֹיךְ הֶעלְפְן

אוֹיף מָארְגְן, דַארְף מֶען עֶס אִיבֶּער זָאגְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל.

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל פּוֹעֶל'ט מֶען, אַ רְאָיָ' הָאסְטוּ, וִויפִיל שִׁיעוּרִים הָאט אִיר גֶעהֶערְט וֶועגְן 'זָאגְן מִשְׁנַיוֹת' און וֶועגְן 'רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן' בִּיז אִיר הָאט עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן?! - וֶוען מֶען הֶערְט אֵיין מָאל פוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיפְט מֶען נִישְׁט גְלַייךְ עֶס טוּן, מֶען דַארְף עֶס הֶערְן אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, יֶעדֶע מָאל אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג, אֵיינְמָאל בַּיי אַ דְרָשָׁה, אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן אַ מַעֲשֶׂה, אֵיינְמָאל מֶער פְרֵיילִיךְ און אֵיינְמָאל אַבִּיסְל מֶער שְׁטְרֶענְג, בִּיז עֶס גֵייט אַרַיין און מֶען הֵייבְּט עֶס אָן צוּ טוּן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט קִינְדֶער, אַז מֶען וִויל עֶפֶּעס פּוֹעֶלְ'ן בַּיי אַ קִינְד, דַארְף מֶען עֶס אִיבֶּער זָאגְן פִילֶע מָאל, אַזוֹי וֶועט עֶס אַרַיין גֵיין אִין אִים.

## זִיךְ אָנְגְרֵייטְן וָואס מֶען גֵייט לֶערְנֶען

מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן יֶעדְן טָאג וָואס מֶען גֵייט הַיינְט לֶערְנֶען. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט כַאפְּן אִינְמִיטְן טָאג: **'אוֹי, אִיךְ הָאבּ נָאךְ דְרֵיי שָׁעָה, וָואס טוּ אִיךְ יֶעצְט?!'**

אַז מֶען אִיז נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט רִיכְטִיג אָנְהֵייבּ טָאג וָואס מֶען גֵייט טוּן דֶעם טָאג, קוּמְט אוֹיס אַז

מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אִינְמִיטְן טָאג אָן הָאבְּן וָואס צוּ טוּן, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן שְׁטִיפְּן דִי צַייט. מֶען טָאר נִישְׁט סְתַּם שְׁטִיפְּן צַייט מִיט קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען דָאךְ אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת.

מֶען דַארְף זֶען אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען פוּן פָארְאוֹיס אַ פִּינְקְטְלִיכֶער סֵדֶר הַיּוֹם פַאר'ן גַאנְצְן טָאג, וָואס אִיךְ גֵיי הַיינְט רֶעדְן אוּן וָואס אִיךְ גֵיי הַיינְט פָארְלֶערְנֶען.

דֶער 'סֵדֶר הַיּוֹם' וְוִי אַזוֹי אוֹיסְצוּשְׁטֶעלְן דֶעם טָאג, וְוילַאנְג אַ קִינְד קֶען זִיצְן אוֹיף זַיין פְּלַאץ אִין אֵיין צוּ, דָאס דַארְף מֶען פְרֶעגְן בַּיים מְנַהֵל, אוּן דֶער מְנַהֵל קֶען זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן בַּיי אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת, יֶעדֶע יָארְגַאנְג אִיז אַנְדֶערְשׁ, בַּיי דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען מַאכְן מֶער הַפְסָקוֹת וְוִי דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן פוּן פְּלַאץ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

## אַרַיין זִינְגֶען אִין אַ רֶעקָארְדֶער

אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעהֶערְט וְוִי אַזוֹי דִי מְלַמְּדִים זִינְגֶען אַזוֹי שֵׁיין דִי בְּרָכוֹת, דִי דַאוֶונֶען אוּן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן מִיט דִי קִינְדֶער, אִיז כְּדַאי צוּ וְויסְן אַז מֶען קֶען זִיךְ גְרִינְגֶער מַאכְן, דִי מְלַמְּדִים אִין אַמֶערִיקֶע טוּעֶן אַזוֹי, אִין אַ רוּאִיגֶע טָאג וָואס מֶען הָאט 'יִשּׁוּב הַדַּעַת' זֶעצְט מֶען זִיךְ אַוֶועק אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן מֶען זִינְגְט אַרַיין אִין אַ רֶעקָארְדֶער

אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי גַאנְצֶע כִּתָּה גַאנְץ 'בִּרְכַּת הַמָּזוֹן' מִיטְ'ן נִיגוּן, פוּן "הִנְנִי מוּכָן וּמְזֻמָּן..." בִּיזְ'ן סוֹף, אוּן דָאס צִינְדְט מֶען אָן יֶעדְן טָאג בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער בֶּענְטְשְׁן, אַזוֹי דַארְף מֶען נִישְׁט אוֹיסְרַייסְן דִי גַאל יֶעדְן טָאג בַּאזוּנְדֶער בַּיים בֶּענְטְשְׁן.

מֶען קֶען דָאס אוֹיךְ טוּן מִיטְ'ן דַאוֶונֶען. נָאר ווִיבַּאלְד מֶען לֵייגְט יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט צוּ נֵייעֶ שְׁטִיקְלֶעךְ צוּם דַאוֶוענֶען, דַארְף מֶען כְּסֵדֶר טוּישְׁן אוּן אַרַיין זִינְגֶען דִי נֵייעֶ שְׁטִיקְלֶעךְ צוּם רֶעקָארְדִירוּנְג, אוֹיךְ וֶוען אַ נִיגוּן וֶוערְט שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט אוּן אַלְט בַּיי דִי קִינְדֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דֶער נִיגוּן אוֹיף "בָּרוּךְ שֶׁאָמַר", דַארְף מֶען עֶס טוּישְׁן צוּ אַ נֵייעֶ נִיגוּן, כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן נָאכְאַמָאל דַארְפְן אַרַיין קוּקְן אִינֶעם סִידוּר בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶוענֶען.

דִי מְלַמְדִים פוּן דִי יוּנְגֶערֶע כִּתּוֹת בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע טוּעֶן דָאס אוֹיךְ מִיט 'חוּמָשׁ', זֵיי נֶעמֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת אַ חוּמָשׁ, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְסַדֵר ווִיפִיל פְּסוּקִים מֶען גֵייט לֶערְנֶען דִי וָואךְ, אוּן מֶען זָאגְט אַרַיין דִי פָּאר פְּסוּקִים אִין אַ רֶעקָארְדֶער. מֶען טוּט דָאס מִיט חָכְמָה, לְמָשָׁל 'פַּרְשַׁת שְׁמוֹת' הֵייבְּט מֶען אָן: "**וְאֵלֶּה שְׁמוֹת - אוּן דָאס זֶענֶען דִי נֶעמֶען**", אוּן מֶען בְּלַייבְּט שְׁטִיל, מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ פָּאר כְּאִילוּ דִי קִינְדֶער זָאגְן יֶעצְט אִיבֶּער, נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען וַוייטֶער: "**הַבָּאִים - וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען**", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַ וָוארְט וָואס דִי

קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי בַּאקַאנְט מִיט דִי טַייטְשׁ, זָאגְט מֶען עֶס אִיבֶּער אַפָּאר מָאל.

עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְדִים וָואס טוּעֶן דָאס אִין כִּתָּה בִּשְׁעַתְ'ן פָארְלֶערְנֶען צוּזַאמֶען מִיט דִי קִינְדֶער, קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה דֶערְפוּן, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"יֶעצְט גֵייט מֶען אָפְּכַאפְּן וִוי דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער דִי חוּמָשׁ"**, אוּן מֶען לֶערְנְט עֶס אֵיינְמָאל פָאר קְלָאר אוּן שֵׁיין, נָאכְדֶעם שְׁפִּילְט מֶען דָאס אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוֹיף, אָנְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאל דַארְפְן וֶוערְן הֵייזֶערִיג.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער מְלַמֵד קֶען נִישְׁט אָנְצִינְדְן דֶעם רֶעקָארְדִירוּנְג אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן כִּתָּה מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן... דָאס אִיז דָאךְ גְנֵיבָה; אָבֶּער דֶער רֶעקָארְדִירוּנְג הֶעלְפְט אַז דֶער מְלַמֵד דַארְף שׁוֹין נִישְׁט זִיצְן אוֹיפְ'ן פְּלַאץ אוּן פָארְלֶערְנֶען אַ גַאנְצֶע וָואךְ, עֶר קֶען שׁוֹין אַרוּמְגֵיין צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער, אוּן אַז מֶען דַארְף דֶערְמַאנֶען אַ קִינְד וָואס שְׁפִּילְט זִיךְ, וֶוערְט נִישְׁט דִי גַאנְצֶע כִּתָּה גֶעשְׁטֶערְט דֶערְפוּן, נָאר יֶעדֶער לֶערְנְט וַוייטֶער.

וֶוען אֵיין מְלַמֵד הָאט שׁוֹין אַרַיין גֶעזִיבְּגֶען אַ חֵלֶק פוּנֶעם דַאוֶּוענֶען אָדֶער בֶּענְטְשְׁן, זָאל עֶר דָאס גֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע מְלַמְדִים, וּמְקַבְּלִין דֵין מִן דֵין, מֶען הֶעלְפְט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט אַ רֶעקָארְדִירוּנְג וִוי אֵיינֶער פוּן דִי מְלַמְדִים זִינְגְט מִיט דִי קִינְדֶער דִי "אֲנִי מַאֲמִין" מִיט

טַייטְשׁ, עֶר זָאגְט פָּאר דִי לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ און דִי קִינְדֶער עֶנְטְפֶּערְן אִין אִידִישׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ' גְעוֶוען, הַלְוַאי זָאלְן אַלֶע מְלַמְדִים דָאס טוּן; און אַזוֹי ווִי נִישְׁט יֶעדֶער הָאט אַ נִיגוּן אוֹיף "אֲנִי מַאֲמִין", און נִישְׁט יֶעדֶער הָאט בִּכְלַל גֶעטְרַאכְט פוּן זָאגְן "אֲנִי מַאֲמִין", זָאל עֶר גֶעבְּן דֶעם רֶעקָארְדִירוּנְג פַאר נָאךְ מְלַמְדִים, זֵיי זָאלְן דָאס אוֹיךְ קֶענֶען אָנְצִינְדְן אִין זֵייעֶר כִּתָּה.

אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט'ן עֶפֶענֶען דִי יְשִׁיבָה אִיז מַיין 'קוֹל'; אַלְס אִינְגֶערְמַאן אִיז מַיין קוֹל גְעוֶוען אַסַאךְ שֶׁענֶער ווִי הַיינְט, אִיךְ לֶערְן פָּאר אַזוֹיפִיל שִׁיעוּרִים אַז מַיין קוֹל וֶוערְט אוֹיסְגֶערִיסְן, וֶוען אִיךְ פְּלֶעג אַרַיין גֵיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט נָאכְ'ן שִׁיעוּר, הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס אִיךְ בִּין אַזוֹי הֵייזֶערִיג, הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "**וַוייל אִיךְ שְׁרֵיי וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ דִי בָּחוּרִים**", הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "**דֶער קוּנְץ פוּן אַ מְלַמֵד אִיז, עֶר זָאל פָּארְלֶערְנֶען מִיט אַ שְׁטִילֶע קוֹל, און דִי קִינְדֶער זָאלְן שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ**", מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: "**זָאגְט הֶעכֶער, אִיךְ הֶער נִישְׁט**", אַזוֹי קֶען דֶער מְלַמֵד רֶעדְן שְׁטִיל און דִי קִינְדֶער זָאגְן אִיבֶּער הוֹיךְ מִיט אַ שְׁרֵייעֶנְדִיגֶע קוֹל.

## קְלָארֶע פּוּנְקְטְלִיכֶע טַייטְשׁ

עֶס אִיז אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ מֶען זָאל זִיךְ אָנְגְרֵייטְן צֶעטְלֶעךְ מִיט טַייטְשׁ אוֹיף חוּמָשׁ, רַשִׁ״י אוּן גְמָרָא, אֲפִילוּ דֶער מְלַמֵד וֵוייסְט אַז עֶר קֶען דִי טַייטְשׁ, פוּן דֶעסְט וֶועגְן קֶען יֶעדֶעס וָוארְט וֶוערְן אָפְּגֶעטַייטְשְׁט אוֹיף צְוֵויי וֶועגְן אוּן דֶער מְלַמֵד כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי טַייטְשׁ וֶוערְטֶער וָואס פַּאר אִים אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק צְווִישְׁן דִי צְוֵויי אָפְּטַייטְשְׁטְן - צֶעמִישְׁט דִי קִינְדֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז דֶער מְלַמֵד וֶועט אֵיינְמָאל טַייטְשְׁן דָאס וָוארְט **"מִצְרָיְמָה - קַיין מִצְרַיִם"** אוּן דִי אַנְדֶערֶע מָאל: **"מִצְרָיְמָה - צוּ מִצְרַיִם"**, וֶוערְן דִי קִינְדֶער זֵייעֶר צֶעטוּמְלְט, בַּיי קִינְדֶער אִיז דָאס אַ גַאנְצֶע בַּארְג, זֵיי וֵוייסְן שׁוֹין נִישְׁט ווִי אַזוֹי דָאס צוּ טַייטְשְׁן, דַארְף מֶען זֵיי דָאס מַאכְן דָאס גְרִינְגְסְטֶע אוּן גֶעשְׁמַאקְסְטֶע, זִיךְ מְסַדֵר זַיין אָנְהֵייבּ וָואךְ אוֹיף אַ צֶעטְל מִיט דִי קְלָארֶע פּוּנְקְטְלִיכֶע טַייטְשׁ, אוּן אַזוֹי זָאל מֶען פָּארְלֶערְנֶען.

דִי טַייטְשׁ צֶעטְלֶעךְ דַארְף אוֹיךְ נִישְׁט יֶעדֶער מְלַמֵד מַאכְן בַּאזוּנְדֶער, אַז אֵיינֶער הָאט עֶס שׁוֹין מְסַדֵר גֶעוֶוען זָאלְן אַלֶע נֶעמֶען פוּן אִים.

## אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט

מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס כַאפְּן נִישְׁט ווִי חָשׁוּב זֵייעֶר אַרְבֶּעט אִיז, מֶען טְרַאכְט: 'וָואס טוּ אִיךְ דֶען

אוֹיף מִיט דִי קִינְדֶער?׳ - זֵיי כַאפְּן נִשְׁט אַז זֵייעֶר אַרְבֶּעט אִיז אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וִוי שֵׁיין צִיצִית אִיז, וִוי שֵׁיין פֵּיאוֹת אִיז, וִוי שֵׁיין אַ קַאפְּל אִיז.

## אֵיידְל אִיז רַייךְ, קְלַאסִיג אוּן שֵׁיין

מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן אִין שׁוּלֶע צוּ דִי תַּלְמִידוֹת וִוי ׳שֵׁיין׳ עֶס אִיז צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל.

עֶס זֶענֶען דָא תַּלְמִידוֹת וָואס זֶענֶען זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט אוּן וֶוען זֵיי הֶערְן בָּאר דֶעם וָוארְט **"צְנִיעוּת"** שְׁטֶעכְט זֵיי עֶס אִין אוֹיעֶר, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט הֶערְן דֶעם וָוארְט "צְנִיעוּת", וַוייל אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע שׁוּלֶע וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִיז מֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעהַאקְט אִין קָאפּ אוֹיף אַ נִישְׁט רִיכְטִיגֶע וֶועג: **"צְנִיעוּת, צְנִיעוּת, צְנִיעוּת"...** - דֶערְפַאר וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער אִין ׳בֵּית פֵיגָא׳ נִיץ אִיךְ נִשְׁט דָאס וָוארְט "צְנִיעוּת", אִיךְ זָאג עֶס אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאךְ, אִיךְ רוּף עֶס אָן: **"מֶען זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן ׳אֵיידְל, שֵׁיין אוּן רַייךְ׳"**, אַזוֹי גֵייט אַרַיין אִין אַלֶע תַּלְמִידוֹת אַז גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אִיז ׳שֵׁיין, רַייךְ אוּן קְלַאסִיג׳.

## אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ רֶעדְן אֵיידל אוּן הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁפְּרַאךְ

עֶס אִיז ווִיכְטִיג פַּאר אַ מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין צוּ צוּלֵייגְן אַן אוֹיעֶר צוּ דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן דִי קִינְדֶער, מֶען זָאל הֶערְן פוּן וָואס זֵיי רֶעדְן אוּן וִוי אַזוֹי זֵיי רֶעדְן, אַזוֹי קֶען מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ רֶעדְן אֵיידְל.

אַז מֶען הֶערְט אַ קִינְד זָאגְט אִיבֶּער אַ דָזְשׁאוֹק וָואס אִיז נִישְׁט אֵיידְל, זָאל מֶען אִים זָאגְן: **"דִי דָזְשׁאוֹק אִיז נִישְׁט אַן אֵיידֶעלֶע דָזְשׁאוֹק"**.

אוֹיךְ דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁפְּרַאךְ; בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים נִיצְט מֶען נִישְׁט דִי ווֶערְטֶער: **"מְשׁוּגֶענֶער"**, **"צֶעדְרֵייטֶער"**, **"עֶקְלְדִיג"**, אָבֶער ווֶען אִיךְ מַאךְ פֵּיאוֹת פַּאר מַיין דְרֵיי יֶערִיג קִינְד אוּן אִיךְ שִׁיק אִים אִין חֵדֶר, קוּמְט עֶר שׁוֹין נָאךְ צְוֵויי טֶעג אַהֵיים אוּן שְׁרַייט אוֹיף דִי מַאמֶע: **"מְשׁוּגֶענֶע!"** - ווֶער הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דֶעם וָוארְט? דָאס הָאט עֶר גֶעהֶערְט פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים אִין כִּתָּה, וָואס בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים גֶעבְּט מֶען נִישְׁט אַזוֹי אַכְטוּנְג צוּ רֶעדְן שֵׁיין, קִינְדֶער זָאגְן אִיבֶּער וָואס זֵיי הֶערְן אִינְדֶערְהֵיים, וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה נו:): **"שׁוּתָא דְיָנוּקָא בְּשׁוּקָא"**, וָואס אַ קִינְד רֶעדְט, **"אוֹ דַאֲבוּהַ אוֹ דְאִימֵיהּ"**, אָדֶער הָאט עֶר דָאס גֶעהֶערְט פוּן דֶער טַאטֶע אָדֶער פוּן דִי מַאמֶע.

עֶס נֶעמְט מִיר אַ שְׁטִיק צַייט אוֹיסְצוּלֶערְנֶען מַיינֶע קִינְדֶער אַז דִי וֶוערְטֶער בִּיצְט מֶען נִישְׁט. דֶער מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין דַארְף זִיךְ צוּהֶערְן ווִי אַזוֹי דִי קִינְדֶער רֶעדְן, אוּן אַרַיין לֵייגְן אִין זֵיי גֶעשְׁמַאקֶערְהֵייט אַז מֶען קֶען בָּאר רֶעדְן אֵיידְל אוּן שֵׁיין.

## דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע לֶעבְן

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן מֶען זָאל אִיבֶּערְגֶעבְּן פַּאר דִי לֶערֶערִינְס פוּן 'בֵּית פֵיגָא' אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז אוּנְזֶער שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע 'בֵּית פֵיגָא' אִין אַמֶערִיקֶע הָאט זִיךְ אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַזוֹי ווִי דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִין אָנְהֵייבּ הָאט מֶען גֶעאַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט זֶעט מֶען דִי פֵּירוֹת, דִי תַּלְמִידוֹת פוּן 'בֵּית פֵיגָא' לֶעבְן אַן אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶע לֶעבְן.

אִין אַמֶערִיקֶע לֶעבְן דִי מֵיידְלֶעךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶרֶע חַבֶרְ'טֶעס, אַסַאךְ מֵיידְלֶעךְ וָואלְטְן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן, מֶען הָאט חֲתוּנָה בָּאר 'וַוייל יֶעדֶער הָאט חֲתוּנָה'... קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט זַיין דִי 'עֶרְשְׁטֶע כַּלָה' פוּן כִּתָּה, וֶוען מֶען טְרָאגְט אָן אַ שִׁידוּךְ וֶוערְט תִּשְׁעָה בְּאָב אִינְדֶערְהֵיים, מֶען הֵייבְּט אָן וֵויינֶען, מֶען ווִיל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן, דִי 'צְוֵוייטֶע כַּלָה' פוּן דִי כִּתָּה אִיז שׁוֹין גְרִינְגֶער מַסְכִּים צוּם שִׁידוּךְ, וַוייל זִי הָאט שׁוֹין אַ חַבֶרְ'טֶע אַ כַּלָה, אוּן דִי לֶעצְטֶע מֵיידל וֵויינְט שׁוֹין יָא אַז זִי ווִיל

חֲתוּנָה הָאבְּן, "וַוייל יֶעצְט הָאט שׁוֹין 'יֶעדֶער' חֲתוּנָה גֶעהַאט"... און אַזוֹי גֵייט עֶס אוֹיךְ וַוייטֶער נָאךְ דִי חֲתוּנָה, דִי פְּרוֹי אִיז אַ גַאנְצְן טָאג פַארְנוּמֶען מִיט אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס, דֶער מַאן טְרֶעפְט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ פַאר זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, מוּז עֶר זִיךְ זוּכְן חֲבֵרִים מִיט וֶועמֶען עֶר זָאל קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן און פַארְבְּרֶענְגֶען.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז בַּיי אוּנְז גְרֵייט מֶען שׁוֹין צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דִי בַּת מִצְוָה, בַּיי דִי צְוֶועלְף דְרַייצְן יָאר צוּם אֶמֶתְ'ן לֶעבְּן, זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה בַּיי דֶעם עֶלְטֶער, אָבֶּער מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי פוּן דֶעם אַז חַבֶרְ'טֶעס אִיז פוּנְקְט גוּט אַמָאל אַמָאל זִיךְ צוּ טְרֶעפְן וְכוּ', דֶער עִיקָר זָאלְן זֵיי וויסְן אַז עֶס קוּמְט אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע לֶעבְּן, מִיט אַ מַאן און לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אַלֶע קִינְדֶער וַוארְטְן שׁוֹין אוֹיף דֶעם, זֵיי ווילְן שׁוֹין אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם שֵׁיינֶעם אֶמֶתְ'ן לֶעבְּן.

## רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה

מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה, פוּן זַיין עֶרְלִיךְ און הֵיילִיג; פוּן נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, און נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְ'ן אוֹת הַבְּרִית. מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט אַ בְּרֶען, מִיט אַ פֵייעֶר, עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִי קִינְדֶערְ'ס הֶערְצֶער, מֶען רֶעדְט נִישְׁט מִיט רְמָזִים, נָאר מֶען זָאגְט קְלָאר און דֵייטְלִיךְ מִיט פֵייעֶר: **"מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם**

**אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ", "מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְ'ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ".**

אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר שַׁבָּת פַּארְ'ן דַאוֶונֶען, עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז מֶען הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן דִי מוֹסָד וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד וַוייל עֶר רֶעדְט פוּן קְדוּשָׁה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּ זִיךְ קוּמֶען, אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר אַז נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיי 'סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת' גֵיי אִיךְ מַאכְן אַ גַאנְצֶע דְרָשָׁה פוּן דֶעם עִנְיָן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעפִּירְט אַז אִיךְ הָאבּ פַּארְגֶעסְן צוּ רֶעדְן דֶערְפוּן. אַסַאךְ מָאל גְרֵייט אִיךְ זִיךְ אָן צוּ רֶעדְן פוּן אַן עִנְיָן און וֶוען עֶס קוּמְט צוּם רֶעדְן, רֶעד אִיךְ אִינְגַאנְצְן פוּן אַן אַנְדֶערֶע עִנְיָן, מֶען רֶעדְט אַלְץ לוֹיט דִי דַעַת פוּן דִי מְקַבְּלִים, זֶעט אוֹיס וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפִיל מְלַמְּדִים בַּיים שִׁיעוּר.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם מְלַמֵּד: **"דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה"**, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז אִין דֶעם מוֹסָד וואוּ עֶר אִיז אַייְנְגֶעשְׁטֶעלְט הַאלְט מֶען פוּן דֶעם פַּארְדְרֵייטְן שִׁיטָה אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה און עֶר קֶען דוּרְכְדֶעם פַּארְלִירְן זַיין פַּרְנָסָה, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"מֶען מוּז רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה!"** יֶעצְט זָאגְט עֶר מִיר אַז מֶען הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן צוּלִיבּ דֶעם. עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן אַזַא זַאךְ,

מֶען וואַרפְּט אַרוֹיס אַ מְלַמֵד וָואס זָאגְט פַּאר קִינְדֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ?! וָואס הָאט עֶר שׁוֹין גֶעזָאגְט?! עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט דָאס נִישְׁט טוּן אוּן מֶען דַארְף זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן!

מִיר פָּאלְגְן דִי צַדִיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת, מִיר גֵייעֶן אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (שִׁיר הַשִּׁירִים א, ח): **"צְאִי לָךְ בְּעִקְבֵי הַצֹּאן"**; אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט פַּאר דִי מְלַמְדִים, מֶען דַארְף אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג, זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרֵיינְפַּאלְן אִין דִי הֶענְט פוּן מְנֻוָולִים.

אוֹיךְ דַארְף מֶען זֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְלֶעבְּן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן אַנְדֶערְן, עֶס אִיז דָא קְלֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער וָואס זִיצְן אָדֶער לִיגְן שְׁטֶענְדִיג אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, דֶער מְלַמֵד דַארְף דָאס דֶערְשְׁמֶעקְן צִי דָאס קוּמְט פָּאר צְווִישְׁן קִינְדֶער אִין זַיין כִּתָּה, אוּן עֶר זָאל דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען, מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער דֶערוֹיף, אָבֶּער אַז מֶען זֶעט אַ קִינְד לֵייגְט זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע קִינְד, זָאגְט מֶען אִים: **"טוּ דָאס נִישְׁט, דָאס אִיז נִישְׁט אֵיידְל!"**

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶונְט פַאר'ן עָמוּד זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען קִינְדֶער נֶעבְּן מִיר

בַּיים אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעקְלֶעבְּט אֵיינֶער מִיטְ'ן צְווייטְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעטוּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן חַס וְשָׁלוֹם, אָבֶּער דָאס טוּט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'וואוּ זֶענֶען זֵייעֶרע טַאטֶע'ס?' פַאר מַיין קִינְד וָואלְט אִיךְ גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֵיידְל, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן אַ קְלֵיין קִינְד פוּן צְוֵויי דְרֵיי יָאר, מֶען רֶעדְט פוּן פִיר פִינְף יֶערִיגֶע קִינְדֶער, אִין דֶעם עֶלְטֶער זָאג אִיךְ שׁוֹין פַאר מַיינֶע קִינְדֶער: "**שֶׁעפֶעלֶע, דוּ קֶענְסְט שְׁטֵיין אַלֵיינְס, קְלֶעבּ זִיךְ נִישְׁט מִיט אַן אַנְדֶערֶער קִינְד**", מֶען דַארְף הַאלְטְן אַן עֵינָא פְּקִיחָא אוֹיף דֶעם.

## יֶעדֶעס קִינְד מוּז בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט

אִיךְ זָאג אַלְץ פַאר דִי מְלַמְדִים אוּן דִי לֶערֶערִינְס, דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז: אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן גְלֵייבְּן אִין זִיךְ.

אִיבֶּערָאל רֶעדְט מֶען צוּ דִי קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אוֹיבּ אִיז דָאס קִינְד צֶעשְׁלָאגְן אוּן צֶעקְלַאפְּט בַּיי זִיךְ, נֶעמְט עֶר גָארְנִישְׁט אָן, עֶר טְרַאכְט אַז אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס עֶר הֶערְט זֶענֶען שֵׁיינֶע דְרָשׁוֹת פַאר דֶעם חַבֵר אוּן פַאר יֶענֶעם חַבֶר, 'פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין...'

קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים, דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן

זֶעעֶן אוֹיס אִינְדְרוֹיסְן פֵּיין אוּן מְסוּדָר, קֶען זַיין אַז זֵיי שְׁפִּילְן אַ שֵׁיינֶע שְׁפִּיל. אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס שְׁרֵייעֶט בַּיים דַאוֶונֶען, מֵיינְט דָאס נָאכְנִישְׁט אַז אִינְדֶערְהֵיים פִּירְט עֶר זִיךְ אוֹיף גוּט, קֶען זַיין אַז אִינְדֶערְהֵיים שְׁרֵייעֶט עֶר אוֹיךְ אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער; דִי וַוייבְּל וָואס נֶעמְט זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיף יֶעדְן, זִי שְׁמֵייכְלְט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אִין וַוייבֶּער שׁוּל, קֶען זַיין אַז אִינְדֶערְהֵיים הָאט זִי בִּישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ אִירֶע קִינְדֶער, אוּן הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף זֵיי.

קִינְדֶער וָואס וֶוערְן צֶעקְלַאפְּט אִינְדֶערְהֵיים אָדֶער עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ הָאבְּן נָאכְדֶעם נִישְׁט קַיין שׁוּם אִינְטֶערֶעסֶע צוּם לֶערְנֶען, צוּ מוּסָר אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ. דֶערְפַאר אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן לֶעצְטֶע ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אַז יֶעדֶעס קִינְד מוּז בַּאקוּמֶען פוּנֶעם מְחַנֵךְ אוּן לֶערֶערִין אַ גוּט וָוארְט, מֶען זָאל אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן אוֹיפְהֵייבְּן יֶעדֶעס קִינְד.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן א) וֶוען אֵיינֶער הָאט 'חֵן' אִיז דָא פְּלַאץ אִין הָארְץ; מֶען קֶען דָאס זֶען, וֶוען מֶען בֶּעט אֵיינֶעם אַ טוֹבָה, אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ 'חֵן', גֵייעֶן זַיינֶע רֵייד אַרַיין אִין הַארְץ אוּן מֶען הֶערְט אוֹיס זַיין גֶעבֶּעט, אוֹיבּ אִיז בִּישְׁט דָא קַיין 'חֵן' וֶועט מֶען בִּישְׁט אוֹיסְהֶערְן

זַיין גֶעבֶּעט, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ אִין הַארְץ פַאר יֶענֶעמְ׳ס גֶעבֶּעט.

עֶס קוּמֶען אִין חֵדֶר אוֹיךְ קִינְדֶער אָן חֵן, מִיט רִינֶעדִיגֶע נֶעזֶער (אַזוֹי רוּפְט מֶען עֶס אִין אַמֶערִיקֶע), זֵיי צִיעֶן נִישְׁט דֶעם הַארְץ פוּנֶעם מְלַמֵד, קֶען פַּאסִירְן בַּיי מְלַמְדִים מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט כַאפְּן, וֶוען דֶער מְלַמֵד וֶוערְט אַבִּיסְל אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן נֶערְוֶועז, גֶעבְּט עֶר זִיךְ אוֹיס אוֹיף דִי סָארְט קִינְדֶער, ווִידֶער בַּיי דִי בַּא׳חֵנְ׳טֶע קִינְדֶער כַאפְּט מֶען נִישְׁט אַז עֶר שְׁטֶערְט, אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט, וַוייל עֶס אִיז דָא חֵן.

דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישְׁן קִינְדֶער, אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען דֶעם זֶעלְבְּן ״גוּט מָארְגְן״, דֶעם זֶעלְבְּן ״שְׁמֵייכְל״ אוּן דֶעם זֶעלְבְּן ״מַתָּנָה״.

## אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט

אִיר דַארְפְט זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט אִין ׳הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ׳, וֶוען מֶען זָאגְט מוּסָר דַארְף מֶען עֶס זָאגְן זֵייעֶר וֵוייךְ.

אִין אָנְהֵייבּ וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא״שׁ, בִּין אִיךְ אֵיינְמָאל גֶעשְׁטַאנֶען אִין גַאס בָּאכְ׳ן לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעגֶעבְּן,

און צְוֵויי בָּחוּרִים מִיט טְשׁוּפֶּעקֶעס אוֹיפְ'ן קָאפּ זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, מַיין קָאפּ הָאט נָאךְ גֶעטְרַאכְט אַזוֹי ווִי מֶען טְרַאכְט ווען מֶען אִיז נִישְׁט מְקוּרָב צוּ אַ צַדִיק, הָאב אִיךְ אַזוֹי אוּמְוֶועלְנְדִיג גֶעטְרַאכְט: "**זֵיי זֶענֶען שְׁקָצִים!**" הֶער אִיךְ ווִי אֵיינֶער פוּן דִי חֲבֵרִים רוּפְט זִיךְ אָן: "**אוֹי, דָאס הַארְץ גֵייט מִיר אוֹיס, דֶער בָּחוּר אִיז נֶעבֶּעךְ אַזַא רַחְמָנוּת!**"

וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאב אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְשְׁלָאפְן בַּיינַאכְט, '**וָואס הֵייסְט דָאס הַארְץ גֵייט אוֹיס פַאר אִים? אִיז עֶר דֶען אַ אִיד?... עֶר אִיז אַ שֵׁיגֶץ!**' אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַייךְ וַוייל אִיר זֶענְט שׁוֹין מְקוּרָב, אֶפְשָׁר גֶעדֶענְקְט אִיר שׁוֹין נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען טְרַאכְט אָנֶעם רֶבִּי'ן. אִיךְ הָאב גֶעטְרַאכְט, '**יֶענֶער אִיז אַ שֵׁיגֶץ! אַ שִׁיקְסֶע! אַ רָשָׁע! אַ פְּרִיצָה!**' אָבֶער וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן זֶעט מֶען שׁוֹין אַנְדֶערֶע זַאכְן, הַיינְט זֶע אִיךְ שׁוֹין אַ אִיד, אַ נְשָׁמָה.

עֶס אִיז דָא אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיךְ דִי סָארְט מֶענְטְשְׁן שַׁיין מַאכְן, אִיבֶּערְהוֹיפְּט אַז יֶענֶער קוּמְט לֶערְנֶען אִין אוּנְזֶער מוֹסָד, מֶען קֶען אִים נִישְׁט דֶערְוֶוערְגֶען (צְווִינְגֶען מִיט גֶעוַואלְד) בָּאכְדֶערְצוּ אַז דֶערְוֶוערְגֶען הֶעלְפְט נִישְׁט, מֶען דַארְף נִיצְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אַז יֶענֶער זָאל עֶס אָנְנֶעמֶען.

אַ אִיד אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר, עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיף זַיין זוּן, עֶר זָאגְט מִיר אַז זַיין זוּן דְרֵיידְט זִיךְ בַּיי מִיר, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע שִׂיךְ וְכוּ' וְכוּ', עֶס אִיז זִיכֶער אַז זַיין וַוייבּ מַאכְט אִים נִישְׁט עֶרְלִיךְ, מֶען דַארְף שׁוֹין מַאכְן אַ גֶט! הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"דַיין זוּן אִיז אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, אוּן זִי אִיז אַ טֵייעֶרֶע פְרוֹי, וַוארְט אַבִּיסְל, עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין"**, - מֶען רֶעדְט דָאךְ נִישְׁט אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז אַ לֵץ, אַ מְנִיוָול, עֶר רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה חַס וְשָׁלוֹם, דִי פָּארְפָּאלְק מַאכְן חָרוּב אַנְדֶערֶע, - דֶער פַּאל אִיז אַ פָּשׁוּט'ֶע 'קַטְנוּת הַמּוֹחִין' פוּן זֵיי, אוּן אַז מֶען וֶועט רֶעדְן צוּ זֵיי שֵׁיין, מֶען וֶועט אַבִּיסְל וַוארְטְן, וֶועלְן בֵּיידֶע וֶוערְן בֶּעסֶער. זָאגְט מִיר דֶער טַאטֶע: **"נֵיין, עֶס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס אִיז אַן הִירוּס הַדָּת!"** זָאג אִיךְ אִים, אִיךְ קֶען נִישְׁט דֶעם וֶועג; אִיךְ זֶע וִוי עֶר קוּמְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, עֶר טוּט אָן תְּפִילִין, עֶר זָאגְט מִשְׁנָיוֹת, אוֹיבּ אִיז עֶר אַ 'מְהָרֵס' אוּן אַ 'פּוֹרֵק עוֹל' פַארְוָואס זָאגְט עֶר מִשְׁנָיוֹת?! אַ 'מְהָרֵס' אוּן אַ 'פּוֹרֵק עוֹל' דַארְף נִישְׁט קַיין מִשְׁנָיוֹת! אַז זַיין וַוייבּ שְׁרַייבְּט מִיר בְּרִיוְון אַז זִי הָאט עֶנְדִיגְט תְּהִלִּים, וָואס קֶען דֶען זַיין מִיט אִיר? אַ 'שִׁיקְסֶע' זָאגְט נִישְׁט קַיין תְּהִלִּים! - דָאס גֵייט נִישְׁט צוּזַאמֶען, אַז זִי עֶנְדִיגְט תְּהִלִּים הָאט זִי אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה. עֶס קוּמְט בְּלוֹיז פוּן 'קַטְנוּת הַדַּעַת', זֵיי מֵיינֶען אַז נָאר אוֹיבּ מֶען וֶועט גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי קֶען מֶען

זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוארְט אַבִּיסְל, אוּן קוּק גוּט אוֹיף זֵיי, וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוּישְׁן צוּם גוּטְן.

## הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף יֶעדְן קִינְד

פּוּנְקְט דִי וָואךְ הָאב אִיךְ גֶעזֶען אַ בְּרִיוו אִין 'אֲשֶׁר בַּנַחַל' פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן וֶוען מֶען הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן אִין 'יַבְנִיאֵל', שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַּאר אַ מְלַמֵד: "**תִּתְבּוֹדֵד בְּכָל יוֹם עַל כָּל יֶלֶד דַקָה**", יֶעדְן טָאג אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין כִּתָּה, מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדְן קִינְד אֵיין מִינוּט, מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט אִים: "**אַז דוּ הָאסְט צְוָואנְצִיג תַּלְמִידִים מַאךְ צְוָואנְצִיג מִינוּט הִתְבּוֹדְדוּת!**"

דֶער דוֹר אִיז שׁוֹין גֶעפַאלְן זַייט דֶעמָאלְט, נִישְׁט יֶעדֶער קֶען מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף יֶעדְן קִינְד אַ גַאנְצֶע מִינוּט, מֶען קֶען עֶס אַרָאפְּלָאזְן צוּ 'צְוָואנְצִיג סֶעקוּנְדֶעס', צוּ 'צֶען סֶעקוּנְדֶעס', אָדֶער כָּאטְשׁ עֶפֶּעס; זָאג אַרוֹיס אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין כִּתָּה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיפְלֶעבְן דִי קִינְדֶער אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי קִינְדֶער**".

## דָאס אִיז מַיין הוֹיז, מַיין אָפִּיס

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד אִין אַן אַנְדֶערֶע

מוֹסָד אִיז גֶעוֶוען אַ גוֹי וָואס אִיז גֶעוֶוען מְמוּנֶה אוֹיפְצוּרוֹימֶען דֶעם בִּנְיָן פַאר׳ן קוּמֶענְדִיגְן טָאג, פְּלֶעגְט זִיךְ אָפְּט מַאכְן וֶוען מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִינְדֶערְפְרִי אַז אַלֶע כִּיתּוֹת זֶענֶען אִיבֶּער גֶעדְרֵיידְט, דֶער גוֹי אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען, דָאס אִיז דָאךְ אַ גוֹי, אֵיין מָאל אַ וָואךְ שִׁיכּוֹר׳ט עֶר זִיךְ אָן אוּן עֶר הָאט זַיינֶע חַגָּאוֹת. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מְלַמְדִים וָואס עֶס הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם מְנַהֵל אוּן גֶעזָאגְט: **״מִיר גֵייעֶן נִישְׁט אַרַיין אִין כִּתָּה בִּיז עֶס וֶוערְט שֵׁיין אוֹיפְגֶערוֹימְט״**, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעהַאט בַּיי מִיר אִין כִּתָּה אַ בֶּעזֶעם מִיט אַ שָׁאוְול, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט: **׳אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין טוֹבוֹת פוּנֶעם גוֹי, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעמְ׳ס הִילְף, דָאס אִיז דָאךְ מַיין הוֹיז, מַיין אָפִּיס׳**, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט פְרִיעֶר אוּן אִיךְ הָאבּ אַלֵיינְס אוֹיפְגֶערוֹימְט דִי כִּתָּה בֶּעפָאר דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען.

אִיךְ קוּם נִישְׁט אִין חֵדֶר צוּ וַוארְטְן: ׳וֶוען קֶען אִיךְ שׁוֹין אַהֵיימְגֵיין?׳... אִיךְ קוּם צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער! דֶערְפַאר פְּלֶעג אִיךְ אַלֶעס שֵׁיין מְסַדֵּר זַיין אוּן אוֹיפְרוֹימֶען אֵיידֶער דִי קִינְדֶער זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען.

## אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן גֶעווִאוּנֶען גוֹרָלוֹת

וֶוען מֶען מַאכְט גוֹרָלוֹת גֶעבּ אִיךְ אַן הֶיתֵּר אַז

מֶען דַארְף נִישְׁט מַאכְן קַיין אֱמֶת׳עֶ גוֹרָלוֹת, אַ מְלַמֵד אוּן לֶערֶעְרִין דַארְפְן זִיכֶער מַאכְן אַז יֶעדֶעס קִינְד גֶעווִאוּנְט פוּן צַייט צוּ צַייט, אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאלוֹינְט וֶוערְן, נִישְׁט נָאר דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְן ׳מַזָל׳ צוּ גֶעווִאוּנֶען גוֹרָלוֹת.

פוּן דִי צְווֵיי יָאר בִּיז מַיין חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעווִאוּנֶען קַיין גוֹרָלוֹת, מַיין נָאמֶען אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֶעקוּמֶען בַּיי קַיין שׁוּם גוֹרָל, אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעווִאוּסְט אַז אַ ׳גוֹרָל׳ הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר, אִיךְ גֵיי נִישְׁט גֶעווִאוּנֶען, יֶעדֶער גֶעווִאוּנְט טֵייעֶרֶע זַאכְן, מַתָּנוֹת אוּן סְפָרִים אוּן מַיין נָאמֶען קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס. אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶענוּמֶען צוּם הַארְצְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוֵויינְט, וַוייל מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אִינְדֶערְהֵיים אַזוֹיפִיל לִיבְשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט, אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אַז מֶען נֶעמְט מִיר עֶפֶּעס צוּ, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט וָואס מַיינֶע מְלַמְדִים הָאבְּן גֶעטְרַאכְט...

בַּיי אוּנְז אִיז אַיינְגֶעפִירְט אִין דִי ווִינְטֶערְדִיגֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּתִים נָאכְ׳ן זְמַן מוֹצָאֵי שַׁבָּת מַאכְט מֶען אַן ׳אָבוֹת וּבָנִים׳ פְּרָאגְרַאם, דִי עֶלְטֶערְן לֶערְנֶען מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אַ מְלַמֵד טֵיילְט אוֹיס טִיקֶעטְס וָואס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן דֶערוֹיף נוּמֶערְן, אוּן נָאכְ׳ן לֶערְנֶען רוּפְט עֶר אוֹיס וֶועלְכֶע נוּמֶערְן זֶענֶען גֶעווִאוּנֶען. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַארְ׳ן מְלַמֵד: **״דוּ קֶענְסְט נִישְׁט מַאכְן אַזֶעלְכֶע גוֹרָלוֹת וָואס אַ גַאנְץ**

**ווינְטֶער זָאלְן די זֶעלְבֶּע דְרַיי קִינְדֶער גֶעוואוּנֶען און אַלֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן וויינֶען, בִּשְׁעַת׳ן אוֹיסְטֵיילְן די טִיקֶעטְס דארְפְסְטוּ שׁוֹין וִויסְן וֶועלְכֶע נוּמֶערְן וֶועלְן זַיין די גֶעוואוּנֶערְס, און טֵייל זֵיי אוֹיס לוֹיט אַ סֵדֶר אַז בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע וָואכְן זָאלְן אַלֶע קִינְדֶער אַרוֹיסְקוּמֶען אֵיינְיג צו גֶעוואוּנֶען״.**

## גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ

עֶס אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג פַאר אַ מְלַמֵּד און לֶערֶערִין צוּ גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ. אִיךְ זָאג אַלְץ פַאר מְלַמְּדִים: **״דוּ בִּיסְט פָּטוּר פוּן גֵיין אוֹיף שְׂמְחוֹת! אוֹיב דַיין טַאטֶע מַאכְט חֲתוּנָה אַ קִינְד - זָאלְסְטוּ גֵיין, אָבֶּער אַז דַיין חָבֵר אָדֶער אַ בַּאקַאנְטֶער מַאכְט חֲתוּנָה, וֶוענְדְט זִיךְ, אוֹיב אִיז די חֲתוּנָה נֶעבְן דַיין שְׁטוּב, קֶענְסְטוּ אַרַיינְגֵיין וואוּנְטְשְׁן ״מַזָל טוֹב״, אָבֶּער אוֹיב אִיז עֶס וַוייט פוּן דַיין הוֹיז - גֵיי שְׁלָאפְן! מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי הָאסְטוּ אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דוּ דַארְפְסְט זִיצְן מִיט הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, מִיט נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל״.**

## אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען מִיטְ׳ן מְנַהֵל און מְנַהֶלֶת

כְּדֵי אַ מְלַמֵּד און אַ לֶערֶערִין זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין דַארְף מֶען אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען מִיטְ׳ן מְנַהֵל און מְנַהֶלֶת, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם און מִיטְטֵיילְן זַאכְן וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְן.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען אַ קִינְד רֶעדְט זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט רֶעדְן, אוּן דֶער מְלַמֵּד אָדֶער לֶערֶערִין ווייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, זָאל מֶען גֵיין פְרֶעגְן דֶעם מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת וָואס צוּ טוּן, אוּן אַז זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ נִישְׁט וויסְן ווִי אַזוֹי דָאס צוּ הַאנְדְלֶען, קֶען מֶען מִיר שְׁרַייבְּן אוּן פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי מֶען בַּאגֵייט זִיךְ אִין דֶעם פַּאל.

## מְחַנְּכִים אוּן עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען

בַּיי 'חִינוּךְ' דַארְפְן דִי מְחַנְּכִים אוּן עֶלְטֶערְן אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען.

וֶוען מִיר הָאבְן גֶעעֶפְנְט אוּנְזֶער מוֹסָד אִין אַמֶערִיקֶע הָאב אִיךְ גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע מַעֲשִׂיוֹת; אִיךְ הָאב גֶעהַאט אַסַאךְ זַאכְן וָואס הָאט מִיךְ גֶעשְׁטֶערְט, אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן אִיז גֶעוֶוען אַז אִיךְ הָאב אַרַיין גֶענוּמֶען מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען נִישְׁט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵייעֶר גוּטֶע מִשְׁפָּחוֹת, אָבֶער בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים רֶעדְט מֶען וֶועגְן דִי נוֹשֵׂא פוּן הָאבְן קִינְדֶער. בְּעֶצֶם אִיז דָאס נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה צוּ רֶעדְן וֶוען עֶס גֵייט זַיין אַ שִׂמְחָה אִין דִי מִשְׁפָּחָה, עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס יֶעדֶעס מָאל פַאר עֶס גֵייט זַיין אַ שִׂמְחָה אִין דִי מִשְׁפָּחָה רֶעדְט מֶען דֶערְפוּן מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, גְרוֹיס אוּן קְלֵיין, אָבֶער בַּיי אוּנְז אִיז דָאס אַ זַאךְ וָואס מֶען רֶעדְט נִישְׁט מִיט קִינְדֶער.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיט דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס אַז וֶוען זֵיי הֶערְן קִינְדֶער רֶעדְן פוּן קוּמֶענְדִיגֶע שִׂמְחוֹת זָאל מֶען עֶס דֶערְשְׁטִיקְן, נִישְׁט אַז דֶער קִינְד אִיז גֶעוָוארְן אַ שֵׁיגֶץ וַוייל עֶר רֶעדְט דֶערְפוּן, חַס וְחָלִילָה, בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי **"שֵׁיגֶץ"**, **"שִׁיקְסֶע"**, נָאר מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידְל צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט קִינְדֶער"**, אוּן אַזוֹי הָאבְּן דִי קִינְדֶער אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעדְן דֶערְפוּן, אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער מֹחַ קֶען מֶען נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג פַארְדְרֵייעֶן, וַוייל עֶר וִויל נָאר וַוייטֶער רֶעדְן אוּן טְרַאכְטְן פוּן זַאכְן וָואס מֶען לָאזְט אִים נִישְׁט רֶעדְן, אָבֶּער אַ קִינְדְ'ס מֹחַ אִיז נָאךְ זֵייעֶר גְרָאד, עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ פַארְדְרֵייעֶן אוּן אָפְּשְׁטֶעלְן אַ קִינְדְ'ס מֹחַ, מֶען זָאגְט פַארְ'ן קִינְד: **"מֶען דַארְף רֶעדְן אֵיידְל!"** אַזוֹי וֶוערְט דִי גַאנְצֶע נוֹשֵׂא דֶערְשְׁטִיקְט אוּן מֶען רֶעדְט מֶער נִישְׁט דֶערְפוּן.

אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם, מֶען דַארְף אוֹיךְ שֵׁיינֶערְהֵייט רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן אַז מֶען זָאל פְּרוּבִּירְן נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם נוֹשֵׂא פוּן הָאבְּן קִינְדֶער, וַוייל אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶוערְן צֶעמִישְׁט.

עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט, מֶען דַארְף נָאר רֶעדְן מִיט זֵיי. מֶען רוּפְט אַרָאפּ דִי מִשְׁפָּחָה אוּן מֶען רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ, מֶען אִיז זֵיי מַסְבִּיר אַז דָאס

אִיז אוּנְזֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מִיר פִירְן דִי מוֹסָד, יֶעדֶע טַאטֶע מַאמֶע אִיז בַּארֶעכְטִיגְט צוּ פִירְן זַייעֶר שְׁטוּב ווִי אַזוֹי זֵיי ווִילְן, אָבֶּער אַ מוֹסָד נֶעמְט אַ גַאנְג ווִי אַזוֹי עֶס זָאל זִיךְ פִירְן, דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן זֶען נִישְׁט אַוֶועקְצוּמַאכְן אָדֶער זָאגְן אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע.

דֶער מְלַמֵד פוּן טְבֶרְיָה שְׁרַייבְּט מִיר יֶעדְן טָאג פוּן וֶוען דִי מוֹסָד הָאט זִיךְ גֶעעֶפְּנְט - אַ בְּרִיוו, מִיט אַ בַּארִיכְט וָואס טוּט זִיךְ אִין חֵדֶר פוּן טְבֶרְיָה, יֶעדֶעס מָאל הֵייבְּט עֶר אָן דִי בְּרִיוו מִיט דֶעם לָשׁוֹן: **"לִכְבוֹד הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה, הַמַדְרִיכֵינוּ בְּדֶרֶךְ אֱלֹקִים חַיִּים"**, דָאס אִיז אַ גוּטֶער אוֹיסְדְרוּק וֶוען מֶען ווִיל רֶעדְן צוּ עֶלְטֶערְן, מֶען אִיז זֵיי מַסְבִּיר אַז מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט מַאכְן אַ מוֹסָד זָאל זִיךְ פִירְן פּוּנְקְט ווִי אַזוֹי דוּ ווִילְסְט, אוֹיסֶער אוֹיבּ דִי מוֹסָד אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַאר דַיינֶע קִינְדֶער... אַז מֶען נֶעמְט זִיךְ צוּזַאם עֶטְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת, הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער אַן אַנְדֶערֶע שְׁנִיט ווִי אַזוֹי עֶס זָאל זִיךְ פִירְן, פַאר דֶעם בַּאדֶערְט דָאס אוּן פַאר דֶעם בַּאדֶערְט יֶענְץ, דֶער ווִיל אַזוֹי אוּן יֶענֶער ווִיל אַנְדֶערְשׁ, מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן אַז אַ מוֹסָד זָאל שְׁטִימֶען אִינְגַאנְצְן לוֹיט יֶעדְן, דַארְף מֶען בֶּעמֶען אַ שְׁנִיט ווִי אַזוֹי דִי מוֹסָד זָאל זִיךְ פִירְן, אוּנְזֶער מוֹסָד הָאט אֵיינֶער וָואס אִיז אוּנְז 'מַדְרִיךְ בְּדֶרֶךְ אֱלֹקִים חַיִּים', אוּנְזֶער מוֹסָד פִירְט זִיךְ אוֹיפְ'ן שְׁנִיט ווִי אַזוֹי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז אוּנְז מַדְרִיךְ,

דֶערְפַאר זָאל זִיךְ יֶעדֶער צוּשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מִיר פַארְלַאנְגֶען.

## אוֹיף וָואס מֶען זָאל פָארְהַאלְטְן אַ קִינְד אוּן אוֹיף וָואס נִישְׁט

מֶען דַארְף זַיין קְלָאר אוֹיף וָואס מֶען זָאל פָארְהַאלְטְן אַ קִינְד אוּן אוֹיף וָואס נִישְׁט, אוּן בַּיי יֶעדֶע סָפֵק זָאלְט אִיר פְרֶעגְן.

אִין דִי מוֹסָד וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט הָאט מֶען פָארְגֶעהַאלְטְן אוּן פַארְשֶׁעמְט קִינְדֶער וֶוער עֶס אִיז גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט גְלֶעזֶער, - בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן דִי גְלֶעזֶער.

אָבֶּער עֶס אִיז דָא זַאכְן אוֹיף וָואס מֶען מוּז זִיךְ שְׁטֶעלְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִין בֵּית פֵּיגָא אִין אַמֶערִיקֶע אַז אַ תַּלְמִידָה קוּמְט מִיט לַאנְגֶע הָאר, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס אִיז צַאמְגֶענוּמֶען (פָּאנִי), זָאגְט מֶען אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט אַז זִי זָאל זִיךְ שְׁנַיידְן דִי הָאר, מִיט שֵׁיינֶעם פּוֹעֶלְ'ט מֶען.

## חִינוּךְ אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּבֶ'ער פוּן אַלֶעם

בַּיי מִיר זֶענֶען דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע אוּן חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ. אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר וֶועט מִיר שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון. אִיךְ בַּאקוּם יֶעדְן טָאג אַסַאךְ בְּרִיוְון פוּן מֶענְטְשְׁן,

עֶס קֶען אָנְקוּמֶען אִין אֵיין טָאג פּוּפְצִיג בְּרִיוְון, אוּן מֶענְטְשְׁן פְּרֶעגְן מִיר: **"וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אִיךְ הָאבּ גֶעפְּרֶעגְט אַ שְׁאֵלָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט מִיר נִישְׁט"**, אִיךְ עֶנְטְפֶער: **"שְׁרַייבּ נָאכְאַמָאל"**, וַוייל אִין אִימֶעיל גֵייט עֶס אַז דִי נֵייעֶ בְּרִיוְון גֵייט פוּן אוֹיבְן אוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע בְּרִיוְון פַאלְן אַרָאפּ אוּנְטְן, אִיז בְּשָׁעַת אִיךְ הֵייבּ אָן לֵייעֶנֶען בְּרִיוְון קוּמְט כְּסֵדֶר אָן פְרִישֶׁע בְּרִיוְון, קוּם אִיךְ נִישְׁט אָן צוּ לֵייעֶנֶען אַלֶע בְּרִיוְון, דַארְף מֶען אִיבֶּער שִׁיקְן דִי זֶעלְבֶּע בְּרִיוו נָאכְאַמָאל, אוֹיךְ פָּאר אִיךְ אַסַאךְ מָאל אַוֶועק אִין שְׁטֶעטְל, קוּמְט אוֹיס אַז דֶעם טָאג לֵיין אִיךְ נִישְׁט קַיין אֵיין בְּרִיוו, אוּן בִּכְלַל בִּין אִיךְ קוֹים אִין אָפִּיס, אִיךְ הָאבּ דָאךְ מַיינֶע צַייטְן וָואס אִיךְ בִּין אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ לֶערְן פָּאר שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ בִּין מִיט דִי בָּחוּרִים, דִי גַאנְצֶע קוּנְטְרֵס 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה' אִיז פוּן דָאס בִּיסְל צַייט וָואס אִיךְ כַאפּ זִיךְ אַרוֹיס צוּ שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו דָא אוּן אַ בְּרִיוו דָארְט, אוּן אִיךְ לוֹיף גְלַייךְ צוּרִיק צוּ דִי בָּחוּרִים.

אָבֶער פַאר מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס פְּרוּבִּיר אִיךְ יָא צוּ מַאכְן צַייט צוּ לֵייעֶנֶען אוּן עֶנְטְפֶערְן זֵייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת, וַוייל דָאס אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּבְ'עֶר פוּן אַלֶעס.

## שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז אַ בָּחוּר: דוּ זָאלְסְט זִיךְ מוֹרָא'דִיג

שְׁטַארְקְן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): וָוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, עֶר לֶעבְּט אַלֵיינְס אָן אַ וַוייבּ, דֶער לֶעבְּט אָן קַיין שִׂמְחָה; זָאלְסְטוּ זִיךְ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן בִּזְכוּת וָואס דוּ טוּסְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן דוּ בּוֹיעֶסְט אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶועסְטוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.

## אוֹיסְנִיצְן דִי פַארְמִיטָאג שָׁעָה'ן

נָאכְ'ן שִׁיעוּר הָאט דֶער מַגִיד שִׁיעוּר פוּן יְשִׁיבָה קְטַנָּה גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ אַ שָׁעָה אִיז צוּ לַאנְג פַאר יוּנְגֶע בָּחוּרִים צוּ עֶסְן פְרִישְׁטָאג?

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: אַ שָׁעָה פְרִישְׁטָאג אִיז זֵייעֶר לַאנְג פַאר יוּנְגֶע בָּחוּרִים.

אִין דִי פַארְמִיטָאג שָׁעָה'ן דַארְף מֶען מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע סֵדֶר הַלִימוּד; דִי יוּנְגֶע בָּחוּרִים וָואס לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט אַ שָׁעָה פְרִישְׁטָאג.

נָאכְמִיטָאג קֶען מֶען שׁוֹין לָאזְן לֶענְגֶער פְרֵיי, דִי בָּחוּרִים זָאלְן הֶעלְפְן מִיט וָואס זֵיי קֶענֶען, אָבֶּער

אִינְדֶערְפְרִי אִיז אַ שָׁאד אַוֶועק צוּ גֶעבְּן אַזוֹיפִיל צַייט אוּמְזִיסְט.

דִי בָּחוּרִים דַארְפְּן טַאקֶע נִישְׁט זִיצְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ 'דְרֵיי אוּן הַאלְבּ שָׁעָה' אוּן לֶערְנֶען, מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹי לַאנְג אִין אֵיין צוּ, אָבֶּער מֶען קֶען אָנְפִילְן דִי צַייט; מֶען גֵייט אַרוֹיף צוּם שִׁיעוּר, נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּרִיק אַרָאפּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, נָאכְדֶעם גֵייט מֶען צוּרִיק אַרוֹיף אוּן מֶען לֶערְנְט פָּאר אַ בְּרִיוו וְכַדוֹמֶה, אַזוֹי פִילְט מֶען אָן דֶעם טָאג.

אַ בָּחוּר וָואס אִיז שׁוֹין עֶלְטֶער מוּז זִיךְ שׁוֹין אַלֵיינְס אוֹיסְלֶערְנֶען וָוען צוּ קוּמֶען אוּן וָוען צוּ גֵיין, אָבֶּער פַאר יוּנְגֶע בָּחוּרִים מוּז מֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ סֵדֶר הַיוֹם.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ בַּאזוּכְן דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ אוּן חִיזוּק אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אָמֵן.

# זֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְּ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְּפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֵה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטֹּאקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

וזוגתו

**אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

**שלמה** ומשפ',

**אלחנן חיים** ומשפ',

**מרים העניא זיסל** ומשפ',

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא ויזכו לרות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם

**אמן כן יהי רצון**

# הספר הקדוש הזה

**נדפס לזכות**
**יוסף פריעדמאן**

**וזוגתו**
**חי' שיינדל**

**וילדיהם**
**אסתר, אהרן, רבקה, מרים,**
**פייגא, נחמן שמעון, דוד.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.


מצבת ציון הקדוש
כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע
ביבנאל עיר ברסלב
הבטחת מוהרא"ש:
"אני מבטיח שכל בחור רווק, וכל בחורה רווקה, שיבואו כאן לקברי, ויגמרו את כל ספר תהלים מהתחלה עד גמירה לזכותי, אזי אשתדל בכל מה שרק אוכל שימצאו את זיווגם, וזה הבטחה חזקה ממני."

״אַ טַאטֶע דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת טִישׁ אַ ׳מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק׳. אִיךְ טְרַאכְט שׁוֹין יֶעדְן דָאנֶערְשְׁטָאג אוּן פְרַייטָאג וֶועלְכֶע מַעֲשֶׂה אִיךְ וֶועל דֶערְצֵיילְן דִי וָואךְ בַּיים שַׁבָּת טִישׁ; מֶען מוּז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס פְלַאמְט אוֹיף דִי הֶערְצֶער פוּן קִינְדֶער״.

■■■

״יֶעדְן טָאג אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין כִּתָּה, מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדְן קִינְד אֵיין מִינוּט״.

■■■

״יֶעדֶעס קִינְד מוּז בַּאקוּמֶען פוּנֶעם מְחַנֵךְ אוּן לֶערֶערִין אַ גוּט וָוארְט, מֶען זָאל אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן אוֹיפְהֵייבְּן יֶעדֶעס קִינְד. אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען דֶעם זֶעלְבְּן ׳גוּט מָארְגְן׳, דֶעם זֶעלְבְּן ׳שְׁמֵייכְל׳ אוּן דֶעם זֶעלְבְּן ׳מַתָּנָה׳״.

קרן הדפסה
היכל הקודש